בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# דֶער קְוַואל פוּן אֱמוּנָה

שֵׁיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדֻשַּׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער,
וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וִוי אַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם

## סֵדֶר דְּבָרִים תשע"ב לפ"ק

גֶעבּוֹיעְט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַדוֹנֵנוּ מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

### רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים,
אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא
אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**מתיבתא היכל הקודש**
Mesifta Heichal Hakodesh
1129-42nd Street
Brooklyn NY 11219

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
845-467-5299

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
718-384-1652

**מרכז היכל הקודש דחסידי ברסלב וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
287 Hewyard Street
347-563-4044

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
347-733-7551

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
79 Decatur Avenue.
347-243-2992

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site: www.breslevcity.co.il**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at:**

**amazon.com** or at: **mohorosh.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-481-3321**

# מַפְתֵּחַ


1) רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער . . . . . . . . . . . א

2) אַ גַן עֵדֶן אוֹיף דֶער וֶועלְט . . . . . .לא

3) נָאר בְּשִׂמְחָה . . . . . . . . . . . . . . . סג

4) אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה . . . . . . . . . . . .צג

5) אִיךְ וִויל בְּלַייבְּן צְוִוישְׁן אַייךְ. . . .קכה

6) אַ פְּרֵיילִיכֶער אִיד . . . . . . . . . . . .קעא

7) גְלֵייבּ אִין דֶעם צַדִיק בִּתְמִימוּת. . . . רז

# אַ שֵׁיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע תְּפִלָּה

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן בְּלָאטֶע וָואס אִיךְ בִּין אִין דֶעם אַרַיינְגֶעפַאלְן ! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף מַיין נְשָׁמָה עֶס זָאל מִיר נִישְׁט גֵיין לְאִיבּוּד ! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זֶע אִיךְ זָאל נִישְׁט אָנְבְּרֶענְגֶן מַיין טַייעֶרֶע צַייט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן ! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זֶע אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקֶן אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט נָאר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין ! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זֶע אִיךְ זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן צוּ זַיין פְרֵייליךְ, אִיךְ זָאל זַיין אַ גְלִיקְלִיכֶער מֶענְטְשׁ

(אשר בנחל חלק א מכתב מ"ו)

בעזהשי"ת

קוּנְטְרֵס

# רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶּער

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֶמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶּער,
וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וִויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פַּרְשַׁת דְבָרִים תשע"ב

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי,
דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט,
וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים
פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

זָאלְסְט ווִיסְן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט ווֶערְט גֶעפִירְט נָאר דוּרְכְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטֵי פְּרָטִיוֹת, גָארְנִישְׁט וֶוערְט גֶעפִירְט אַלֵיין, דִי אַלֶע זַאכְן אִיז נָאר אַ דִמְיוֹן, אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס אִיז אַלֵיין, סְ'אִיז נִישְׁטָא אַ זַאךְ אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט דָאס דִיר אָנְקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶס וֶועט זִיךְ דִיר דַאכְטְן אַז קֵיינֶער הֶערְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס, אָבֶּער וֶוען דִי אֱמוּנָה וֶועט דִיר זַיין שְׁטַארְק וֶועסְטוּ גֶעוואוֹיר וֶוערְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, וָוארוּם מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִיבֶּערָאל, אִיבֶּערְדֶעם קֶענְסְטוּ מִיט אִים רֶעדְן אִיבֶּערָאל, וואוּ דוּ גֵייסְט, וואוּ דוּ שְׁטֵייסְט, וואוּ דוּ זִיצְט קֶענְסְטוּ רֶעדְן מִיט אִים, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיר נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן אִים, אוּן הָאבּ נִישְׁט קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת

(אשר בנחל באידיש חלק ד' מכתב תס"ג)

# רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶּער

## א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ס"ז): אַז נָאכְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָּשׁ אִיז גֶעוָוארְן אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַעֲלָמָה, [דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אוּן דִי אֱמֶתְ'ע צַדִיקִים זֶענֶען פַּארְדֶעקְט אוּן פַארְהוֹילְן] אוּן דִי שְׁכִינָה גֶעפוּנְט זִיךְ בַּיי מַעֲרָב זַייט, אוּן דָארְט קְלָאגְט זִי אוֹיפְן בִּיטֶערְן חוּרְבָּן. וֶועגְן דֶעם אִיז מַעֲרָ"ב רָאשֵׁי תֵּיבוֹת; רָ'חֵל מְ'בַכָּה עַ'ל בָּ'נֶיהָ, רָחֵל וֵויינְט אַז אִידְן

זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין גָלוּת. דָאס הֵייסְט; עֶס אִיז דָא מִזְרָח וָואס דָאס אִיז פָּנִים, און דִי מֶענְטְשׁ זֶעהְט דִי זַאךְ פַאר זִיךְ, פַארְקֶערְט אִיז אוֹיךְ דָא מַעֲרָב וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן; אַחוֹרַיִים, וָואס מֶען זֶעהְט נָאר פוּן אוּנְטְן, און אוֹיף צוּרִיק, דָאס הֵייסְט אַז מֶען זֶעהְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶער גָלוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ז): אַז דֶער עִיקָר גָלוּת אִיז נָאר וֶועגְן עֶס פֶּעלְט אֱמוּנָה. וַוייל וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ בַּיי אִים קַיין גָלוּת, וַוייל וואו עֶר זָאל נָאר נִישְׁט גֵיין טְרֶעפְט עֶר דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער, אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער גָלוּת.

דֶערְפַאר אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, קֶען עֶר זַיין בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב, וָואס דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער יְרוּשַׁלְמִי זָאגְט (מוֹעֵד קָטָן ט:): שִׂמְחָה לְאָדָם בְּשָׁעָה שֶׁהוּא דָר בְּתוֹךְ שֶׁלוֹ. דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז, וֶוען עֶר וואוֹינְט

אִין זַיין שְׁטוּבּ. וַוייל אִין זַיין אֵייגֶענֶע שְׁטוּבּ אִין זַיין ד׳ אַמוֹת הָאט עֶר מְנוּחָה. דָאךְ אָבֶּער אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, קֶען עֶר אִין זַיין שְׁטוּבּ, זַיין אִין גָלוּת, אוּן דָארְטְן זַיין נַע וְנָד, עֶר טְרֶעפְּט זִיךְ נִישְׁט דָאס פְּלַאץ, עֶר גֵייט אַהֶער אוּן אַהִין, אַרוֹיס אוּן אַרַיין, וַוייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּעֶן פַאר לֵיידִיג-גֵיין.

אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דֶעמָאלְטְס וִוי עֶר זָאל נָאר נִישְׁט זַיין שְׁפִּירְט עֶר זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים. וָואס דָאס שְׁטֵייט בַּיי שְׁמוּאֵל הַנָבִיא: (בְּרָכוֹת י׳:): וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִיז זַיין הוֹיז גֶעוֶוען מִיט אִים. וָואס אִיז דִי הוֹיז? דֶער בַּאשֶׁעפֶּער! אוּן וִויבַּאלְד עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט מִיטְן בַּאשֶׁעפֶּער, וֶועגְן דֶעם וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער גֶעוֶוען מִיט אִים.

## ב.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ס״ז): אַז עֶס אִיז פַארְהַאנֶען ״מְאוֹרֵי אוֹר״,

[וָואס זֵיי זֵיינֶען אָן לֶעבְּעדִיגְקֵייט], און ״מְאוֹרֵי אֵשׁ״, [וָואס צִינְדְן אָן פֵייעֶרְן]. דָאס הֵייסְט אַז וֶוען עֶס וֶוערְט חַס וְשָׁלוֹם פַארְהוילְן דִי שֵׁיינְקֵייט און דִי פְּרַאכְט און דִי חֵן פונֶעם אֱמֶתְ׳ן צַדִיק, דֶעמָאלְטְס שְׁפִּירְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ מֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶס פַאנְגְן אָן צו אַרְבֶּעטְן דִי ״מְאוֹרֵי אֵשׁ״, דָאס הֵייסְט דֶער בְּרֶענֶעדִיגֶער יֵצֶר הָרַע אַרְבֶּעט אויף אַ מֶענְטְשׁ מוֹרָא׳דִיג שְׁטַארְק, און דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט נִכְשָׁל – רַחֲמָנָא לִצְלָן – מִיט תַּאֲוות נִיאוּף, אויך בְּרֶענְט אִין אִים תַּאֲוות מָמוֹן, תַּאֲוות אַכִילָה וּשְׁתִיָּה, בִּפְרַט דִי תַּאֲוָה פון מַחְלוֹקֶת, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט אַז עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אַ תַּאֲוָה זִיךְ צו קְרִיגְן, און טְשֶׁעפֶּענֶען, און קְרִיטִיקִירְן יֶענֶעם רַחֲמָנָא לִצְלָן, וָואס דָאס אִיז ״מְאוֹרֵי אֵשׁ״, און דֶעמָאלְטְס אִיז עֶר אִין גָלוּת. אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז דָא, וָואס דָאס אִיז ״מְאוֹרֵי אוֹר״, אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶער תַּעֲנוּג פון דֶעם.

צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמַאֲמָרִים מֵהָרַב הַקָדוֹשׁ מַהַרְשַׁ״ב מְלִיובַּאוִויטְשׁ זי״ע): דִי נְשָׁמָה פון אַ אִיד אִיז

קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אִין גָלוּת, נָאר דִי גוּפִים זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין גָלוּת. וַוייל דִי נְשָׁמָה אִיז אַ חֵלֶק אֱלוֹקֵי מִמַּעַל, דֶערְפַאר הָאט מֶען גֶעטְרָאפְן אַזוֹיפִיל אִידְן וָואס כָאטְשׁ זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְוָוארְפְן אִין פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְטֶער פוּן דִי וֶועלְט, הָאבְּן זֵיי דָארְטְן גֶעטְרָאפְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן.

דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער סוֹד פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן אַז דָאס זָאל אַרַיין גֵיין אִין דִי וֶועלְט, וָואלְט פַאר יֶעדְן לֶעכְטִיג גֶעוָוארְן. וַוייל דֶער עִיקָר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, אִיז דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה!.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן צ״ג): פַארְוָואס קְרִיגְט מֶען אוֹיף מִיר?! וַוייל חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו: וְעַיֵּין בְּרַשִׁ״י שָׁם): אוֹיף דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים יב, ט): **כְּרוּם זֻלּוּת לִבְנֵי אָדָם; אֵלּוּ דְבָרִים שֶׁעוֹמְדִים בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם וּבְנֵי אָדָם מְזַלְזְלִין בָּהֶן, וּמַאי נִיהוּ? תְּפִלָּה!** תְּפִלָּה שְׁטֵייט אוֹיף דִי הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ, אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם. הָאט דֶער

הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִּירְט: אַזוֹי וִוי מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז נָאר תְּפִלָּה, אִיז מֶען מְזַלְזֵל אִין מִיר, אוּן מֶען מַאכְט לֵיצָנוּת, אוּן מֶען קְרִיגְט אוֹיף מִיר.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מְגַלֶה אַזַא מִין לֶעכְטִיגְקֵייט אוּן גֶעטְלִיכְקֵייט, אַז אֲפִילוּ דֶער נִידֶערִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס זִינְקְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו הָאט אוֹיךְ אַ תַּקָנָה. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרֵייעֶט! (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ע״ח): ״גִיוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קַיין יִאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַּארְהַאנְדִין״ וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז מִיט דִיר, דָא אוֹיכֶעט. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מְחַזֵק אוּן מְעוֹדֵד אוּן מְשַׂמֵחַ, אַז מֶען זָאל וִויסְן אַז מֶען קֶען זִיךְ נָאךְ אוּמְקֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶּער, נָאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי צוּבְּרָאכְן, אוּן אוֹיךְ אִיז דָא מַחְלוֹקֶת אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס גְרוֹיסְקֵייט אוּן שֵׁיינְקֵייט אִיז נָאךְ פַּארְהוֹילְן פוּן דִי וֶועלְט, דֶערְפַּאר הֶערְט עֶר נִישְׁט דֶעם קוֹל, אוּן עֶר שְׁלָאפְט אַ טִיפְן שְׁלָאף.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א, סימן ס): דער צדיק וועקט אויף דעם מענטש פון זיין שלאף, ווייל א מענטש שלאפט אפ זיינע יארן, און אפילו ער לערנט און דאווענט, דאך שלאפט זיין מח. און דער הייליגער רבי האט דעמאלטס געזאגט דעם מאמר פון חוני המעגל, וואס די גמרא פארציילט (תענית כא:): אז חוני המעגל האט זיך געלייגט שלאפן, און ווען ער איז אויפגעשטאנען נאך זיבעציג יאר, האט ער געזאגט: "מי איכא דניים שבעים שנין", ווי אזוי קען מען אפשלאפן זיבעציג יאר. [אונזערע לייט האבן דערציילט, אז דער הייליגער רבי האט געצויגן דעם אויבן דערמאנטן מאמר חז"ל מיט אזא מין טיפן קרעכץ, אז ווער עס איז דארטן געווען, איז נתעורר געווארן און געוויינט.] ווייל א מענטש כאפט נישט אז די יארן פליען, און אט איז מען געבוירן געווארן, און אט איז מען שוין דארטן אויכעט.

און ווען א מענטש זאל וויסן אין דער יוגנט, וואס ער קען אויפטוען און וואסערע פארמעגן עס ליגט פאר אים, וואלט ער נישט אויפגעהערט צו כאפן

גוּטְס, לְמָשָׁל מֶען זָאגְט פַּאר אֵיינֶעם, אַז מֶען לָאזְט דִיר אַרַיין אוּן דֶעם הֵיכָל פוּנֶעם קֶענִיג אוּן מֶען לָאזְט דִיר נֶעמֶען פוּן דֶעם אוֹצָר וָואס אִיז דָארְט, - וָואס דוּ ווילְסְט, אוּן וִויפִיל דוּ ווילְסְט - בִּיז אַ גֶעוִויסֶע צַייט, וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעבְּרֶענְגְט זֶעק אוּן אַרַיין גֶעלֵייגְט דָארְט פוּן דִי טֵייעֶרְסְטֶע בְּרִילְיַאנְטְן אוּן דִימַאנְטְן, עֶר וָואלְט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶענוּמֶען קַיין קוּפֶּער אוּן נִיטְאַמָאל קַיין גָאלְד אוּן זִילְבֶּער, נָאר אָנְגֶעפִילְט גַאנְצֶערְטֶע זֶעק פוּן דָאס בֶּעסְטֶע, אוּן עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין צַייט, צוּ עֶסְן אוּן צוּ שְׁלָאפְן וְכוּ׳.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ הָאט מֶען אוּנְז גֶעגֶעבְּן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט דִימַאנְטְן אוּן בְּרִילְיַאנְטְן, אוּן דָאס טֵייעֶרְסְטֶע וָואס אִיז נָאר שַׁיָיךְ, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט נָאר אֵיין מָאל, אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיה רַבָּא! צוּרַייסְט מֶען אִים אַ גְזַר דִין פוּן זִיבֶּעצִיג יָאר. אוּן דָא גֶעבְּט מֶען אוּנְז אַזֶעלֶעכֶע פַּארְמֶעגְנְס, אוּן מֶען קֶען זָאגְן אַזוֹי פִיל מָאל אִין טָאג אָמֵן, אַזוֹי אוֹיךְ הוּנְדֶערְט בְּרָכוֹת יֶעדְן טָאג, וָואס דָאס אִיז אַזוֹי טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב, בִּפְרַט אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען

יֶעדְן טָאג; מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, הֲלָכָה, וְאַגָדָה, וָואס דָאס אִיז אִין הִימְל זֵייעֶר חָשׁוּב, און וִוי לַאנְג מֶען לֶעבְּט קֶען מֶען דָאס אַלֶעס אַרַיין כַאפְּן, דָאךְ אָבֶער כָאטְש אַ מֶענְטְש הָאט דִי אַלֶע מִצְוֹות, און עֶר לֵייגְט תְּפִלִין, עֶר גֵייט מִיט צִיצִית, מִיט אַ בָּארְד און פֵּיאוֹת, און עֶר הָאט אַ מְזוּזָה, עֶר הִיט שַׁבָּת, און אַזוֹי וַוייטֶער, דָאךְ שְׁלָאפְט עֶר, וַוייל וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְש רֶעדְט נִישְׁט צום בַּאשֶׁעפֶער שְׁלָאפְט זַיין מֹחַ, פַארְקֶערְט עֶר וואונְדֶערְט זִיךְ נָאךְ אוֹיף וֶוער עֶס רֶעדְט יָא צום בַּאשֶׁעפֶער, און עֶס קוּקְט אִים אוֹיס וִוי עֶר רֶעדְט צוּ דִי וַואנְט, וָואס דָאס אִיז כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ס"ב): וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, און מֶען קֶען צוּ אִים רֶעדְן יֶעדְן זַאךְ וָואס מֶען דַארְף, און וָואס עֶס דְרוּקְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רנ"ט): אַז דִי שְׁכִינָה שְׁטֵייט אַנְטְקֶעגְן דֶעם מֶענְטְש בְּשָׁעַת עֶר שְׁמוּסְט זִיךְ אוֹיס, און רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין

הַארְץ, אוּן טְרֵייסְט אִים אוּן זָאגְט אִים: אִיךְ וֶועל דִיר הֶעלְפְן! נָאר גֶעב נִישְׁט אוֹיף, אוּן בֶּעט נָאךְ אוּן נָאךְ.

אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן וָואס דָאס הֵייסְט רֶעדְן נָאר אֵיין וָוארְט צוּם בַּאשֶׁעפֶּער (עַיֵּין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן צ"ו), אֲפִילוּ עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ, קֶען עֶר אָבֶער בֶּעטְן אֵיין דִיבּוּר: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין צוּבְּרָאכְן, מַאךְ מִיר פְרֵיילִיךְ", וָואלְט עֶר אַלְץ אַרַיין גֶעכַאפְּט נָאךְ אַ וָוארְט אוּן נָאךְ אַ וָוארְט, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ.

בִּשְׁעַת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב הָאט עֶר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס אִיז פַארְהַאנִין דָא אַ גוּט פְּלַאץ צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶּער? הָאט זִיךְ דֶער וָואס הָאט אִים בַּאגְלֵייט [וָואס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ תּוֹשָׁב] זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: אוֹיסֶערְן שְׁטָאט אִיז דָא אַ בַּארְג, וָואס אִין דֶעם בַּארְג אִיז דָא אַ הֵייל, אוּן דָארְטְן קֶען מֶען אַרַיין גֵיין, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶער פְּלַאץ, נָאר עֶס אִיז אַבִּיסְל

וַוייט פוּן שְׁטָאט. הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים וַוייזְן, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ גֵיין מִיט אִים צוּ דֶעם פְּלַאץ, גֵייעֶנְדִיג זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: דוּ מֵיינְסְט אַז פוּן דָא בִּיז דָארְט קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער? וִוי וַוייט אִיז פוּן מוֹיל בִּיז צוּם הָארְץ?! וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים שׁוֹין גֶעוָואלְט אוֹיסְלֶערְנֶען אַז כָאטְשִׁיג דָארְטְן אִיז טַאקֶע דֶער הֵייל, אָבֶער מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן, נָאר וֶוען אִיךְ וֶועל קוּמֶען דָארְט וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, וֶועל אִיךְ זִיךְ קֶענֶען בֶּעסֶער אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ (עַיֵּין פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק אוֹת שצד).

קוּמְט אוֹיס אַז אַ אִיד דַארְף אַזוֹי שְׁטַארְק שְׁפִּירְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַז וואוּ עֶר אִיז נָאר, קֶען עֶר רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ר״ל-רל״א), אוּן דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן וִוילַאנְג עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גֵיין אִין פֶעלְד (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן י״א. שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רכ״ז), אוֹיךְ דַארְף עֶר נִישְׁט הָאבְּן קַיין חַבוּרָה צוּ דֶעם, [וָואס דֶעמָאלְטְס פֶעלְט שׁוֹין אוֹיךְ פוּנֶעם אֱמֶת. (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן נ״ב)]. וַוייל אַז עֶר אִיז שְׁטַארְק

אִין דִי אֱמוּנָה קֶען עֶר 'שׁוֹין' רֶעדְן, אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וָואס עֶר זֶעהְט, זָאל עֶר בַּאטְרַאכְטְן וִוי אֵיין גְרוֹיסֶער פֶעלְד, אוּן נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא. [בִּפְרַט וֶוען עֶר פָארְט אַלֵיין מִיט זַיין קַאר וָואס דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר אַ מָקוֹם מְיוּחָד (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רע"ד-ער"ה).] אוּן אַז עֶר אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אוּן עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, זָאל עֶר פוּן דֶעם אַלֵיין מַאכְן אַ תְּפִלָה: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִיךְ שְׁפִּיר דִיךְ נִישְׁט, אִיךְ קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִיר"**.

אָבֶּער צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַ מוֹרָא'דִיגְן תְּמִימוּת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ק"ד. שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ג, קנ"ד, וְעוֹד): אַז דֶער עִיקָר אִין תְּפִילָה אִיז 'תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת' אַוֶועק וַוארְפְן דֶעם שֵׂכֶל, וַוייל בַּיי תְּפִלָה קֶען מֶען נִישְׁט נִיצְן קַיין חָכְמוֹת, נָאר גְלֵייבְּן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא. אוּן אֲפִילוּ אַז אִיךְ בִּין וַוייט וֶועל אִיךְ דָאס אַלֵיין בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כ"ה). דָאס אִיז דִי אוֹצְרוֹת וָואס מִיר הָאבְּן, אוּן

דֶער׳ לֶעכְטִיגְקֵייט פְּרוּבִּירְט דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם צוּ פַארְהוילְן און פַּארְדֶעקְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

ג.

און אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ס״ז): עֶס אִיז דָא וָואלְקֶענֶעס וָואס פַארְדֶעקְן דִי שֵׂכֶל׳דִיגֶע אויגְן. [דָאס הֵייסְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ב): אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, בַּאשַׁאפְט עֶר אַזֶעלְכֶע וָואלְקֶענֶעס וָואס זֶענֶען מְבַלְבֵּל דִי מַחְשָׁבָה עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען שְׁפִּירְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.] וָואס דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (רַעֲיָא מְהֵימְנָא פִּנְחָס רנ״ב): אַז עֶס אִיז דָא רוֹמִי רַבָּתִי און רוֹמִי זְעִירְתָּא. און דִי מְפָרְשֵׁי הַזוֹהַר זָאגְן: אַז רוֹמִי רַבָּתִי; גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אִיטַאלְיֶע וָואס דָארְט אִיז דִי קְלִיפָּה פוּן דִי רוֹמִיִים, און רוֹמִי זְעִירְתָּא; גֵייט אַרוֹיף אוֹיף גְרִיכְלַאנְד וָואס דָארְט זֶענֶען דִי יְוָנִים, וָואס דָאס זֶענֶען דִי צְוֵויי מוֹרָא׳דִיגֶע טֻמְאוֹת פוּן

**אֶדוֹם** אוּן יָוָן וָואס פוּן דָארְט אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע עֲבוֹדָה זָרָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (אִגֶּרֶת תֵּימָן). וָואס דִי טוּמְאָה הָאט נֶעבֶּעךְ גוֹרֵם גֶעוֶועןְ אַז מִילְיוֹנֶען אִידְן הָאט מֶען נֶעבֶּעךְ גֶע'הַרְגֶ'ט מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע מִיתוֹת אַכְזָרִיוּת, אוּן ווִידֶער דִי כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי וֶועלְט, אוּן נָאךְ גֶעשְׁלֶעפְּט רוֹב וֶועלְט, בִּיז אֲפִילוּ אִין אַ אִידְ'ס הַארְץ פַּאלְט אַרַיין סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה, אוּן עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז דֶעם גוֹי פֶּעלְט גָארְנִישְׁט. אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז אַ אִיד וָואס אִיז בָּזֶה הָעוֹלָם קֶען אַרוֹיס כַאפְּן אַ יֶעדְן טָאג אַזוֹיפִיל דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן וֶוען עֶר מַאכְט אוֹיף דִי אוֹיגְן צוּפְרִי בִּיז עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן צ"ו), דָא אַ דִיבּוּר אוּן דָארְט אַ דִיבּוּר, אוּן דִי אַלֶע דִיבּוּרִים קְלוֹיבְּן זִיךְ צוּזַאם, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זָאל ווִיסְן דָאס טֵייעֶרְקֵייט פוּן יֶעדְן דִיבּוּר וָואס עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶּער (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָנִים צ"ה-ק"ב, וְעוֹד),

וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי צוּבְּרָאכְן, אוּן וָואלְט זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן, אוּן אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין גָלוּת.

וָואס דָאס הָאט מֶען טַאקֶע גֶעזֶעהְן בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט, וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען נֶעבֶּעךְ פַּארְשִׁיקְט אִין וַוייטְן קַאלְטְן סִיבִּיר, דָאךְ וִויבַּאלְד זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דֶעם דִיבּוּר הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן.

אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק הָרַב הַקָדוֹשׁ מִ׳מַאכְנוּבְקָא זי״ע, וָואס עֶר אִיז אַפָּאר יָאר גֶעוֶוען אִין סִיבִּיר, צוּפִיל הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרְבֶּעטְן, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוַואכֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן מֶען הָאט אִים גֶעלָאזְט זַיין דָארְטְן אִין אַ קְלֵיין הַייזְקֶעלֶע, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַסַאךְ אוֹיסְגֶעבֶּעטְן בַּיים בַּאשֶׁעפֶּער, אַז עֶר הָאט נִישְׁט דָא קַיין מִנְיָן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט דָא וֶוער עֶס זָאל עֶנְטְפֶערְן אָמֵן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט, אַז מֶען הָאט גֶעלָאזְט זַיין וַוייבּ אַהִין קוּמֶען, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא׳דִיגֶער חֶסֶד. נָאכְדֶעם וֶוען מֶען הָאט אִים אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דָארְט

מִיט אַסאך גֶעלְט און פְּרָאטֶעקְצִיֶע, און מֶען הָאט זֵיי בֵּיידֶע גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ אִין בְּנֵי בְּרַק, און אַ עוֹלָם אִיז גֶעקוּמֶען קוּקֶען דֶעם נֵייעֶם רֶבִּין, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן אַן אִינְטֶערְסאנְטֶע זַאךְ! אַז פַארְן דַאוֶוענֶען בַּיי דִי בְּרָכוֹת גֵייט עֶר צוּ צוּם וַוייבֶער שׁוּהְל, און עֶר הֵייבְּט אָן צוּ זָאגְן בְּרָכוֹת, און דִי רֶעבִּיצִין עֶנְטְפֶערְט אָמֵן, נָאכְדֶעם זָאגְט זִי דִי בְּרָכוֹת, און עֶר עֶנְטְפֶערְט אָמֵן!, אִיז גֶעוֶוען פוּן זַיינֶע נָאנְטֶע וָואס זֵיי הָאבְּן אִים פְּרוּבִּירְט מַסְבִּיר צוּ זַיין: עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַארְן רֶבִּי׳ן אַזַא הַנְהָגָה! הָאט עֶר גֶעֶנְטְפֶערְט: אִיךְ הָאבּ יָארְן גֶעבֶּעטְן בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֶערְט קַיין אָמֵן, קַיין בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ וְכוּ׳, בִּיז אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶע׳פּוֹעֵלְ׳ט בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן, און מִיט נִיסִים מַמָשׁ, הָאט מֶען גֶעלָאזְט מַיין רֶעבֶּעצִין אַהִינְקוּמֶען דָארְט, וואוֹינֶען אִין סִיבִּיר, אִין עֶפֶּעס אַ כַאטְקֶעלֶע, וָואס דוּרְכְדֶעם הָאבּ אִיךְ כָּאטְשׁ פוּן דֶעמָאלְטְס גֶעקֶענְט עֶנְטְפֶערְן אָמֵן, און אִיךְ הָאבּ מִיךְ דָארְט אַזוֹי אַיינְגֶעפִירְט, אַז וֶוען דִי רֶעבִּיצִין הָאט

גֶעזָאגְט בְּרָכוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט אָמֵן, אוּן וֶועןאִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט בְּרָכוֹת, הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט אָמֵן, אוּן יֶעצְט וַוייל מֶענְטְשְׁן קוּקְן אוּן לַאכְן, זָאל אִיךְ אוֹיפְהֶערְן דִי הַנְהָגָה?!

הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אַמָאל, אוּן גֶעזָאגְט: אִין סִיבִּיר הָאבְּן זִיךְ צְוֵויי חַסִידוּתְ׳ער דֶערְהַאלְטְן, מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ, בְּרֶסְלְבֶ׳ער חֲסִידִים, מִיט לְיוּבַּאוִויטְשֶׁ׳ער חֲסִידִים.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ עֶר הָאט גֶעהֵייסְן ר׳ נָטֶע גוּרֶעלִיק, [עֶר אִיז קוֹדֶם גֶעוֶוען אַ חַבַּ״ד׳סְקֶער בָּחוּר, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גוּטֶע כִּשְׁרוֹנוֹת, עֶר הָאט גֶעקֶענְט ׳סֵפֶר הַתַּנְיָא׳ אוֹיף אוֹיסֶעוֵוייניג, אוּן עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ אוּנְזֶערֶע לַייט אִין אוּמַאן, עֶר פְלֶעגְט דָארְט זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס צִיוּן,] אוּן מֶען הָאט אִים נֶעבֶּעךְ גֶעכַאפְּט אוּן פַארְשִׁיקְט אוֹיף סִיבִּיר, אָבֶּער וִויבַּאלְד עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוִויסְט פוּן דֶעם סוֹד פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אֲפִילוּ דֶעמָאלְטְס

אוֹיךְ נִישְׁט, און עֶר הָאט גֶעהַאט יֶעדְן טָאג אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן, אַז עֶר הָאט מוֹצֵא חֵן גֶעוֶוען בַּיי דִי רְשָׁעִים, און עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע זַאךְ אַז מֶען הָאט אוֹיף אִים רַחֲמָנוּת גֶעהַאט, אַז מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַרְבֶּעט אִינֶעוֵוייניג, בַּיי זֵייעֶרֶע אָפִּיסֶע״ס, אַז עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בְּרֶענְגֶען הָאלְץ און אָנְהֵייצְן, בְּרֶענְגֶען וַואסֶער און דָאס אָפְּקָאכְן צוּ מַאכְן טֵיי, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר אִים אַ מוֹרָא׳דִיגֶע יְשׁוּעָה, אַז עֶר דַארְף נִישְׁט גֶעפְּרוּירְן וֶוערְן אַרְבֶּעטֶענְדִיג אִין דִי וֶועלְדֶער.

אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען דָארְטְן אוֹיךְ אַ גַלַח׳ס טָאכְטֶער, און בַּיינַאכְט נֶעמְט זִי אִים אָן רֶעדְן צוּ אַן עֲבֵירָה, און אִיז אִים מַסְבִּיר: דוּ וֵוייסְט דוּ בִּיזְט אַלֵיין און אִיךְ בִּין אַלֵיין וְכוּ׳, אִיז עֶר אַרוֹיס אִין וַואלְד און גֶעשְׁרִיגְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם ווִי אֵיידֶער אִיךְ זָאל קוּמֶען צוּ אַ עֲבֵירָה רַייס מִיר אוֹיס דִי הַארְץ, און אִיךְ זָאל עֶנְדֶערְשׁ דָא בְּלַייבְּן, אִיךְ וִויל נִישְׁט בְּשׁוּם אוֹפְּן דוּרְכְפַּאלְן״. און אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען יֶעדְן אֵיינְצִיגְן נַאכְט פַאר דְרֵיי

יָאר, זִי הָאט אִים אַלְץ אָנְגֶערֶעדְט, און יֶעדֶע נַאכְט אִיז עֶר אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען שְׁרֵייעֶן: אַל תְּבִיאֵנוּ לִידֵי נִסָּיוֹן, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין נִסָּיוֹן.

עֶנְדְלִיךְ נָאךְ דְרֵיי יָאר וְוִיבַּאלְד עֶר הָאט גֶעטוּעֶן דִי אַרְבֶּעט גוּט, אִיבֶּערְהוֹיפְּט עֶר הָאט גֶעהַאט אַזוֹיפִיל תְּפִילָה און הִתְבּוֹדְדוּת, הָאט מֶען אִים בַּאפְרֵייט. פַאר מֶען הָאט אִים בַּאפְרֵייט, הָאט מֶען פַאר אִים גֶעמַאכְט אַ גֶעזֶעגֶענוּנְגְס סְעוּדָה, זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר זַיין גוּטֶע אַרְבֶּעט, הָאט זִי זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט און גֶעזָאגְט: אוֹיב עֶס אִיז דָא אַ הֵיילִיגֶער בָּחוּר אוֹיף דִי וֶועלְט, קֶען זִי מֵעִיד זַיין, אַז דָאס אִיז ׳דֶער׳ הֵיילִיגֶער בָּחוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען אוֹיף אוּמַאן, הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט דָארְטְן, הָאבְּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן גֶעוֵויינְט: אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַזַא נִסָּיוֹן אַזוֹי וְוִי יוֹסֵף הַצַדִיק און נָאךְ מֶער, און דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן. הָאט עֶר דֶעמָאלְטְס גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: וֶוען אִיךְ הָאב

וֶועט נִישְׁט דֶעם עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן אִיךְ גֵיי וֶועט נָאר מִיטְן שֵׂכֶל וָואלְט אִיךְ דוּרְכְגֶעפַאלְן! וָואס הָאט מִיר דֶערְהַאלְטְן? אַז אִיךְ הָאב גֶערֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶּער!.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ע"ח): דֶער דִיבּוּר אִיז אַזוֹי וִוי אַ מַאמֶע, אַ מַאמֶע גֵייט מִיט מִיטְן קִינְד אֲפִילוּ אִין שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער, אוּן וַואשְׁט אִים אוּן רֵיינִיקְט אִים אָפּ אוּן טוּט אִים אִיבֶּער, אֲפִילוּ עֶר הָאט אַ שְׁלֶעכְטְן גֶערוּךְ, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דֶער דִיבּוּר, גֵייט מִיט מִיטְן מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער, וִויבַּאלְד עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶּער וֶועט דָאס אִים אָפְּהִיטְן.

אָבֶּער צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אוּן דֶער עִיקָר 'גְלֵייבְּן אִין זִיךְ'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ס"א): אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶּער, אַזוֹי דַארְף מֶען הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ. אַז אִיךְ קֶען אוֹיךְ, אוּן אִיךְ וֶועל אוֹיךְ פּוֹעֶלְ'ן בַּיים בַּאשֶׁעפֶּער.

הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי יִצְחָק בְּרֵייטֶער הי״ד, [פון גְדוֹלֵי אַנַ״שׁ אִין פּוֹלִין] פְּלֶעגְט זָאגְן: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פון בֶּערְגִיר וְעָנִי (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה י): אַז דֶער רוֹצֵחַ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי בַּת מֶלֶךְ: אוֹיבּ דוּ וֶועסְט רֶעדְן אֵיין וָוארְט הַרְגֶ׳ע אִיךְ דִיר. הָאט עֶר מִיט דֶעם מַסְבִּיר גֶעוֶוען: דָאס אִיז עַמָלֵ״ק פון דִי לָשׁוֹן פוּנֶעם פָּסוּק (וַיִּקְרָא א, ט״ו): 'וּמָלַק אֶת רֹאשׁוֹ'. דָאס הֵייסְט עַמָלֵק וָוארֶענְט דֶעם מֶענְטְשׁ: אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן, וֶועל אִיךְ דִיר דֶערְוָוארְגְן.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ס״ז) אַז דָאס אִיז דֶער חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, וַוייל דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז דֶער פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶּער, און אִיז דֶער פְּלַאץ פון דַעַת און שֵׂכֶל! אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת לג.): **כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵעָה כְּאִלוּ נִבְנֶה בֵּית הַמִקְדָשׁ בְּיָמָיו.** און אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, און עֶס וֶוערְט אַ חוּרְבָּן אִין דִי מוֹחִין [גֶערְוִון] פון אַ מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, דָאס הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט בַּיי זִיךְ זֵייעֶר

צובְּרָאכְן, און עֶר קֶען זיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט דורְךְ אויף אִים אַ גְרויסֶע נִסָיון.

הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק [בֶּענְדֶער] זַצַ״ל הָאט פַּארְצֵיילְט אַ אִינְטְרֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה: אִין אומַאן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרויסֶער עושֶׁר, וָואס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צום בוטְשֶׁער און צום בֶּעקֶערֵיי און צום גְרָאסֶערִי, און אָפְּגֶעשְׁמועֶסְט מִיט זֵיי, אַז אויף זַיין חֶשְׁבּון זָאלְן זֵיי אַרויס גֶעבְּן יֶעדֶע וָואךְ פַּאר אַלֶע אָרֶעמֶעלַייט, וָואס וֶועלְן קומֶען מִיט אַ צֶעטְל פון אִים, און עֶר הָאט דָאס בַּאצָאלְט, און קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוסְט פון וואו עֶר בַּאצָאלְט דָאס, וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַ נָאמֶען פַּאר אַ גַבַּאי צְדָקָה.

**וַיְהִי הַיום**, עֶס הָאט זיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט דֶער רֶעדְל, עֶר הָאט שׁוין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צו גֶעבְּן, פַּארְשְׁטֵייט זיךְ אַז וֶוען מֶען אִיז גֶעקומֶען אִין גְרָאסֶערִי און אִין פִּישׁ סְטָאר און אִין בֶּעקֶערִי, הָאט מֶען מֶער נִישְׁט אַרויס גֶעגֶעבְּן פַּאר דִי אָרֶעמֶעלַייט. הָאט מֶען אִים בַּאפַאלְן, דו גַנָב! דִי גַזְלָן! דו

קַארְגֶער! הָאט עֶר זִיךְ גֶעבֶּעטְן: וָואס זָאל אִיךְ טוּהְן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט הָאבּ אִיךְ דָאךְ גֶעגֶעבְּן, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט. אוּן פוּן שׁוּהְל צוּ שׁוּהְל הָאט מֶען אִים פַארְטְרִיבְּן, אִיז עֶר אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעהָאלְפְן אַלֶעמֶען, אוּן נִישְׁט גֶענוּג אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן, אִיז מֶען מִיךְ נָאךְ מְבַזֶה מִיט דִי גְרֶעסְטֶע בִּזְיוֹנוֹת? אִיז עֶר אַזוֹי גֶעלִיגְן אִין אַ דֶעפְּרֶעשָׂא"ן, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ. מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעקְלַאפְּט אִין פֶענְסְטֶער, אוּן גֶעשְׁרִיגְן דִי גַנָב, פַארְוָואס קוּמְסְטוּ נִישְׁט אַרוֹיס!.

[וָואס דָאס אִיז בֶּאֱמֶת זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער נִסָיוֹן, וַוייל עֶר הָאט דָאךְ יֶעדְן גֶעהָאלְפְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּן דָא אִיז מֶען אַזַא 'כְּפוּי טוֹבָה' וָואס דָאס אִיז דִי מִיאוּסְ'טֶע מִדָה. אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ אַזַא נִסָיוֹן, אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַז יֶענֶער זָאל מִיר מְחַיֶה אוּן מְחַזֵק זַיין, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי הַקְדָמוֹת אוּן דָאס הִתְחַזְקוּת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּין, אוּן רֶבִּי נָתָן זַ"ל. אַדְרַבָּה דַוְקָא דוּרְכְדֶעם הָאבּ אִיךְ

זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַייעֶר שֵׁיינֶע סְפָרִים. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת דַּעַת סִימָן לג).]

בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ בְּרֶסְלְבֶ׳ער חָסִיד צוּ אִים אוּן הָאט אִים גֶענוּמֶען אוֹיסְרֶעדְן: דֶער בַּאשֶׁעפֶּער הָאט דִיר אוֹיסְפְּרוּבִּירְט מִיט אַ גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת, אוּן דוּ בִּיזְט בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען דֶעם ׳נִסָּיוֹן הָעוֹשֶׁר׳ הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט, יֶעצְט פְּרוּבִּירְט דִיר דִי בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיס מִיט עֲנִיוּת, צוּ זֶעהְן וִוי אַזוֹי דוּ וֶועסְט זִיךְ יֶעצְט דֶערְהַאלְטְן, אוּן צוּ דַיין עֲנִיוּת הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ צוּגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיכֶעט אַז מֶען שְׁרֵייט דִיר נָאךְ, גַּנָב! גַּזְלָן! אוּן מֶען שְׁפֶּעט פוּן דִיר, אוּן מֶען רֶעדְט אוֹיף דִיר כָּל דָבָר אָסוּר, פַּאסְט דָאס דֶען דִיר אַז יֶעצְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט בֵּיישְׁטֵיין דֶעם ׳נִסָּיוֹן הָעוֹנִי׳? אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אִים צוּגֶערֶעדְט, אַז עֶר זָאל גֵּיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן. הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ דָאךְ מוֹרָא אַז מֶען וֶועט אוֹיף מִיר אַרוֹיף טַאנְצְן, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: שְׁוַוייג! אוּן מַאכְט דִיךְ נִישְׁט צוּטוּהְן, וַוייל דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז דוּ

הָאסְט יָא גֶעטוּעֶן גוּט, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אִים אוֹיסְגֶערֶעדְט.

בִּיז עֶר הָאט אִים אַזוֹי מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן בַּיי זִיךְ אוֹיפְגֶעבּוֹיט. אוּן אִיז שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעשְׁוִויגְן אוֹיף אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ וִויפִיל קֶען מֶען שׁוֹין מְבַזֶּה זַיין אַ אִיד, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ זֶענֶען אַלֶע מִיד גֶעוָוארְן אִים צוּ רוֹדְפְ׳ן, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ, אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז עֶס הָאט זִיךְ צוּרִיקְגֶעדְרֵייט דֶער גַלְגָל, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן צוּרִיק אַן עוֹשֶׁר.

וַוייל עֲנִיוּת אוּן עֲשִׁירוּת אִיז נָאר תָּלוּי אִין דֶעם מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא גֶענוּג גֶעלְט. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן מ): אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ ״שֶׁפַע כְּפוּלָה״ פֶעלְט אִים גָארְנִישְׁט. חַזַ״ל זָאגְן (קֹהֶלֶת רַבָּה, פֶּרֶק א, סִימָן ל״ד): **יֵשׁ לוֹ מָנֶה רוֹצֶה מָאתַיִם.** וֶוער עֶס הָאט הוּנְדֶערְט וִויל צְוֵויי הוּנְדֶערְט. וַוייל דִי טֶבַע פוּן

אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַז שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְט עֶר וְוִי עֶס פֶּעלְט אִים, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט יָא, פִּילְט עֶר זִיךְ וְוִי אַן עוֹשֶׁר, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַ "שֶׁפַע כְּפוּלָה" [דָאפֶּעלְטֶע שֶׁפַע].

חַזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ד, מִשְׁנָה א): **אֵיזֶהוּ עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ.** וֶוער אִיז אַן עוֹשֶׁר? דֶער וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן מִיט זַיין חֵלֶק. אוֹיךְ זָאגְן חַזַ"ל (נְדָרִים מא.): **דְדָא בֵּיהּ כּוּלָּא בֵּיהּ, דְלֹא דָא בֵּיהּ מַה בֵּיהּ. דַעַת קָנִיתָ מַה חָסַרְתָּ.** אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל הָאט עֶר אַלֶעס, אוּן עֶס פֶּעלְט אִים גָארְנִישְׁט, אָבֶּער טָאמֶער הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, אוּן עֶר אִיז אוּמְצוּפְרִידְן, פֶּעלְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ. אַזוֹי וְוִי חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא קַמָּא צב.) **בָּתַר עַנְיָא אָזְלָא עַנִיוּתָא.** נָאכְן אָרִימַאן גֵייט נָאךְ דָאס אָרִימְקֵייט. דָאס הֵייסְט; מִיט זַיין נָאכְגֶעלָאזְטְקֵייט אוּן אוּמְצוּפְרִידְנְקֵייט צִיעֶט עֶר אַלֵיין אַרוֹיף אוֹיף זִיךְ נֶעבֶּעךְ דָאס אָרִימְקֵייט.

## ד.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי״ע זָאגְט (הוּבָא בְּסֵפֶר אוֹר תּוֹרָה לְהָרַב הַקָּדוֹשׁ בַּעַל צֶמַח צֶדֶק מְלִיוּבַּאוִויטְשׁ זי״ע, נַ״ךְ ח״ב, עָמוּד א, צ״ז): פַארְוָואס זָאגְט דֶער פָּסוּק מִיט דֶעם לָשׁוֹן חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ? וַוייל ׳חֲזוֹן׳ אִיז מִלָּשׁוֹן ׳חִזָּיוֹן׳ וָואס דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן נְבוּאָה, זָאגְט עֶר: אַז וֶועגְן דֶעם רוּפְט מֶען דֶעם שַׁבָּת ׳שַׁבָּת חֲזוֹן׳ וַוייל וֶוער עֶס הָאט רֵיינֶע אוֹיגְן, דֶער קֶען ׳זֶעהְן׳ דֶעם שַׁבָּת דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הַשְּׁלִישִׁי, וְוִיאַזוֹי עֶס וֶועט אוֹיסְזֶעהְן, און וְוִיאַזוֹי עֶס וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען, וָואס דָאס וֶועט נִמְשָׁךְ וֶוערְן נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר שַׁעַר הַמֶּלֶךְ (שַׁעַר ד, פֶּרֶק ו): אַז חֲזוֹ״ן אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת חָ׳צִי זַ׳עַם וְ׳חָצִי נֶ׳חָמָה, הַאלְבּ אִיז צָארְן און הַאלְבּ אִיז טְרֵייסְט, וַוייל חוֹדֶשׁ אָב דִי עֶרְשְׁטֶע הֶעלְפְט בִּיז תִּשְׁעָה בְּאָב, אִיז זַעַם, אָבֶער נָאכְדֶעם אִיז נֶחָמָה, דָאס הֵייסְט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז עֶס אִיז עֶק וֶועלְט, און עֶר טְרַאכְט, וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין מִיט מִיר, דָאס אִיז טַאקֶע חָצִי

זַעם, אָבֶער נָאכְדֶעם דַארְף עֶר וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא חָצִי נֶחָמָה, אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, און מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּפַאלְן פוּן קַיין שוּם זַאךְ, כָּל זְמַן מֶען הָאט דֶעם דִיבּוּר.

דָאס אִיז אוֹיךְ וָואס דֶער פָּסוּק פַּאנְגְט אָן דִי וָואךְ אוּן זָאגְט (דְבָרִים א, א): **אֵלֶה הַדְבָרִים אֲשֶׁר דִיבֶּר מֹשֶׁה.** מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דָא גֶעזָאגְט מוּסָר מִיט לִיבְשַׁאפְט: אִיר הָאט דָאךְ דֶעם כֹּחַ פוּן ׳אֵלֶה הַדְבָרִים׳ וָואס דָאס מֵיינְט ׳רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער׳. וָואס דוּרְכְדֶעם וָואלְט מֶען פוּן אַלֶעם גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן שׁוֹין אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן דֶעם בִּנְיָן בֵּית הַמִקְדָשׁ בְּתִפְאַרְתּוֹ, בְּבִיאַת גוֹאֵל צֶדֶק בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

**תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם**

בעזהשי"ת

קוּנְטְרֵס

# אַ גַן עֵדֶן
# אוֹיף דֶער וֶועלְט

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גָעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֶמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער,
וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת וִויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים תשע"ב

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָארְכְטִיגֶער רֶבִּי,
דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט,
וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים
פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ט) דָא אִיז דֶער גֵיהִנוֹם, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עוֹלָם הַזֶה, אָדֶער גֵיהִנוֹם אָדֶער גַן עֵדֶן; וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, אוּן אִיז מְקַיֵים דִי מִצְוֹת בְּשִׂמְחָה, אוּן דַאוֶוענְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן רֶעדְט צוּ אִים, דָאס אִיז גַן עֵדֶן, סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערְס פוּן דֶעם; אוּן פַארְקֶערְט אַז מֶען לוֹיפְט נָאךְ דִי נַארִישְׁקֵייט פוּן דִי וֶועלְט, פַארְפְּלָאנְטֶערְט מֶען זִיךְ אִין דֶעם בִּיטֶערְן גֵיהִנוֹם, וָואס דָאס הֵייסְט בַּיי דִי וֶועלְט עוֹלָם הַזֶה, אָבֶּער אִין אֶמֶתְ'ן אַרַיין אִיז דָאס דֶער גֵיהִנוֹם אַלֵיין, וֶועלְדִיג דִי צָרוֹת אוּן דִי עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן, דֶער אַזוֹי וְכוּ', אוּן דֶער אַזוֹי וְכוּ'. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר: נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן קוּם צוּרִיק; עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁפֶּעט, כָּל זְמַן דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

(אשר בנחל באידיש חלק א' מכתב קמ"ו)

# אַ גַן עֵדֶן אוֹיף דֶער וֶועלְט

## א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ו): עֶס אִיז דָא 'גַן עֵדֶן', וָואס דָאס אִיז צוּזַאם גֶעשְׁטֶעלְט פוּן צְוֵויי עֶקְסְטֶערֶע זַאכְן 'גַן' אוּן 'עֵדֶן', אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת לד ע"ב): 'גַן' אִיז אֵיין זַאךְ, אוּן 'עֵדֶן' אִיז אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ. אוּן דָאס וֶוערְט

אָנְגֶערוּפְן ׳חָכְמָה עִלָּאָה׳ אוּן ׳חָכְמָה תַּתָּאָה׳; ׳חָכְמָה עִלָּאָה׳ הֵייסְט: דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶנְס חָכְמָה, אוּן מֶען זֶעהְט אָפֶּען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ׳חָכְמָה תַּתָּאָה׳ הֵייסְט: דִי חָכְמָה וָואס אִיז פַארְהַאנֶען דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט, אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין קָאפּ חָכְמָה, אוּן זֶענֶען אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְפִינְדוּנְגֶען, וִוי לְמָשָׁל: דִי חָכְמָה פוּן עֶלֶעקְטֶערִיק; דָאס אַרַיין צִיעֶן וַואסֶער בִּיז אִין שְׁטוּבּ; דִי עֶרְפִינְדוּנְג פוּן דִי בַּאנֶען; קַארְס; וְכוּ׳, דָאס אִיז דִי חָכְמָה פוּן דִי וֶועלְט, אָבֶּער אֲפִילוּ דִי חָכְמָה הָאט אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין שֵׂכֶל פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ה): וֶוען נִישְׁט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואלְט אַרַיינְגֶעגֶעבְּן אִין מֶענְטְשְׁן שֵׂכֶל, וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְקוּמֶען אוֹיף דִי אַלֶע חָכְמוֹת. אוֹיךְ זָאגְט דָארְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַז יֶעדֶע חִידוּשׁ וָואס מֶען אִיז מְחַדֵשׁ אִין דִי תּוֹרָה, גֶעבְּט מֶען אַרַיין פוּן הִימְל פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר

שְׁטֶעלְט צוּזַאם דִי צְוֵויי זַאכְן: 'חָכְמָה עִלָּאָה' מִיט 'חָכְמָה תַּתָּאָה' דָאס אִיז דֶער 'גַן עֵדֶן'.

דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (תִּקוּנֵי זֹהַר פז ע"ב): עֶס אִיז דָא דְרֵיי אוּן פוּפְצִיג פַּרְשִׁיּוֹת אִין דִי תּוֹרָה, וְוִיפִיל עֶס בַּאטְרֶעפְט גַ"ן; וַוייל 'חוּמָשׁ - מִקְרָא' אִיז 'בַּעֲשִׂיָּה'; דָאס הֵייסְט, אַלֶע פְּסוּקִים פוּן בְּרֵאשִׁית בִּיז לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל אִיז מַעֲשִׂיּוֹת וָואס הָאט פַּאסִירְט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, כָאטְשִׁיג אִין יֶעדֶע אוֹת פוּן דִי תּוֹרָה זֶענֶען דָא אָן אַ שִׁיעוּר סוֹדוֹת אוּן רְמָזִים וְכוּ', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (בְּהַעֲלוֹתְךָ קנב ע"א): אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט רַחְמָנָא לִצְלָן אַז דִי תּוֹרָה אִיז סְתָּם מַעֲשִׂיּוֹת; וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז אַ 'נִצְחִיּוּת', נָאר עֶס אִיז מְלוּבָּשׁ גֶעוָוארְן אִין דִי בְּרִיאָה, פוּן דִי מַעֲשֶׂה פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן אוּן חַוָה, בִּיז דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ. אָבֶּער דָאס אִיז אוֹיף אֵייבִּיג, אוּן עֶס חַזֶר'ט זִיךְ אִיבֶּער פוּן פְרִישׁ יֶעדְן טָאג, יֶעדְן שָׁעָה אוּן יֶעדֶע רֶגַע בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל: יֶעצְט אִיז עֶר אָדָם, אוּן זַיין וַוייבּ אִיז חַוָה, אוּן דֶער שְׁלַאנְג קוּמְט אוּן עֶר רֶעדְט זֵיי צוּ, צוּ אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, וָואס דוּרֶעךְ דֶעם גֵייט זֵיי שׁוֹין אַלֶעס פַּארְקֶערְט וְכוּ׳, (עַיֵין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן פ״ב). אַזוֹי הָאבְּן מִיר אוֹיךְ אַ תֵּיבָה, וָואס דָאס אִיז דִי ׳תֵּיבוֹת הַתְּפִילָה׳, דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי דַאוֶונֶען; אַזוֹי קוּמְט הַיינְט אוֹיךְ פָּאר דֶער מַבּוּל: אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן מד): דִי בִּלְבּוּלִים אוּן מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט בַּיים דַאוֶונֶען, וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן ׳מַבּוּל׳, וַוייל זֵיי זֶענֶען מְבַלְבֵּל דָאס דַאוֶונֶען פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי אַלֶע צֶען נִסְיוֹנוֹת וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז דוּרֶעךְ גֶעגַאנְגֶען, גֵייט אוֹיךְ דוּרֶעךְ אוֹיף יֶעדְן אִיד, אוּן עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, נָאר אַבְרָהָם הָאט זִיךְ בֶּעסֶער דֶערְהַאלְטְן (אָבוֹת ה, ג).

וֶועגְן דֶעם וֶוערְט דִי תּוֹרָה אָנְגֶערוּפְן ׳תּוֹרַת חַיִים׳ וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז אַ לֶעבֶּעדִיגֶע זַאךְ, אוּן דִי אַלֶע זַאכְן שְׁפִּילְן זִיךְ אָפּ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶועגְן דֶעם וֶוערְן אַלֶע דְרֵיי אוּן פוּפְצִיג סִדְרוֹת אָנְגֶערוּפְן ׳גַן׳ = גָארְטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יא): עֶס אִיז דָא אַ גָארְטְן וָואס אִיז מוֹרָא'דִיג וואוּנְדֶערְלִיךְ, אָבֶּער וִוי נָאר אֵיינֶער קוּמְט אַרַיין אִין דֶעם גָארְטְן, הֵייבְּט מֶען אִים אָן צוּ יָאגְן, אוּן מֶען יָאגְט אוּן מֶען יָאגְט, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער עֶס יָאגְט אִים, בִּיז מֶען פַארְטְרַייבְּט אִים פוּן גָארְטְן; דֶער גָארְטְן אִיז 'דֶער וֶועלְט', אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט וָואס עֶס גֵייט דוּרֶעךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן אִין דֶער וֶועלְט, פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי צָרוֹת, אוּן זֵיי שְׁפִּירְן אַז מֶען יָאגְט זֵיי אוּן מֶען פַּיינִיגְט זֵיי, בִּשְׁעַת קֵיינֶער פַּיינִיגְט זֵיי נִישְׁט, אוּן קֵיינֶער רוֹדֶפְ'ט זֵיי נִישְׁט, נָאר עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי אַזוֹי, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ה): הַיינְט דַארְף מֶען רוּפְן דֶעם יֵצֶר הָרַע מִיט אַ נַייעֶם נָאמֶען: 'כֹּחַ הַמְדַמֶּה', [חַזַ"ל זָאגְן (סוּכָּה נב ע"א): דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיבְּן נֶעמֶען, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט הַיינְט הָאט עֶר אַן אַכְטְן נָאמֶען], וָואס דָאס זֶענֶען דִי 'דִמְיוֹנוֹת', וָואס דָאס הַרְגֶ'ט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן לֵיידֶער רוֹב מֶענְטְשְׁן לַיידְן נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחֲלָה רַחְמָנָא לִצְלָן.

אויפְן פָּסוּק (דְבָרִים ז, טו): **וְהֵסִיר הֲוָיָ״ה מִמְּךָ כָּל חֹלִי**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אָפְּטוּהְן פוּן דִיר אַלֶע קְרֶענְק. זָאגְן חַזַ״ל (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת פֶּרֶק יד, הֲלָכָה ג): **זֶה הָרַעְיוֹן**, דָאס מֵיינְט מֶען רַחְמָנָא לִצְלָן דִי אַלֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן פַארְשִׁידֶענֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן פַאנְטַאזְיֶעס וָואס פַּיינִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, וָואס דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע קְרֶענְק רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן פוּן דֶעם לַיידְט אַ מֶענְטְשׁ אַלֶע צָרוֹת, אוּן דָאס אִיז דֶער יָאגֶענִישׁ וָואס מֶען יָאגְט אִינֶעם גָארְטְן.

אָבֶער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, לֶעבְּט עֶר אִין ׳גַן עֵדֶן׳; דָאס הֵייסְט, עֶר נֶעמְט דִי וֶועלְט וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן ׳גַן׳, אוּן עֶר שְׁטֶעלְט צוּ צוּ דֶעם דֶער ׳עֵדֶן׳, וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן ׳עֲדוּנָא דְנַהְלָא עִלָּאָה׳, דָאס הֵייסְט אַז עֶר בְּרֶענְגְט אַרָאפּ כַּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָא אויף דִי וֶועלְט, אוּן עֶר אִיז מְקַשֵׁר דִי וֶועלְט מִיט יֶענֶער וֶועלְט, דֶעמָאלְטְס וֶוערְט דָאס ׳גַן עֵדֶן׳, אוּן עֶר לֶעבְּט אִין ׳גַן עֵדֶן׳.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ט): **אוֹיף דֶעם וָואס דִי וֶועלְט זָאגְט: עֶס אִיז דָא 'עוֹלָם הַזֶה'; אֶפְשָׁר אִיז פַארְהַאנֶען עֶרְגֶעץ אַן 'עוֹלָם הַזֶה', דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז דֶער 'גֵיהִנוֹם' אַלֵיינְס,** וַוייל לוֹיט וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן מִיט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט בִּיטֶערֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא קַיין 'עוֹלָם הַזֶה'. נָאר עֶס אִיז דָא אָדֶער 'גַן עֵדֶן', אָדֶער 'גֵיהִנוֹם'. דֶער 'גַן עֵדֶן' אִיז, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז יֶעדֶע זַאךְ אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער תַּעֲנוּג אוּן פַארְגֶענִיגְן פוּן 'עוֹלָם הַבָּא', אוּן מֶען אִיז זִיךְ 'מִתְעַנֵג מִזִיו הַשְּׁכִינָה'.

אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ טֵיילְט אָפּ דִי וֶועלְט פוּן יֶענֶע וֶועלְט, אוּן עֶר זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ כב, יג): **אָכוֹל וְשָׁתוֹ [הַיוֹם] כִּי מָחָר נָמוּת,** לָאמִיר לֶעבְּן אַ גוּטְן טָאג הַיינְט, וָואס הָאבְּן מִיר צוּ קוּקְן אוֹיפְן מָארְגֶענְדִיגְן טָאג. קוּמְט אוֹיס אַז עֶר הָאט אָפְּגֶערִיסְן 'דֶעם טָאג' פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר ווִיל נִישְׁט קוּקְן אוֹיפְן תַּכְלִית, מְמֵילָא אִיז 'דֶער וֶועלְט' וָואס דָאס אִיז דֶער 'גַן',

גֶעבְּלִיבְּן נָאר מִיטְן 'הַיוֹם', וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז דָאס דִי אוֹתִיוֹת: גֵיהִנוֹ"ם, אוּן עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן אַלֶע מִינֵי צָרוֹת אוּן אַיינְרֶעדֶענִישְׁן, אוּן עֶר לֶעבְּט אִין 'גֵיהִנוֹם' רַחְמָנָא לִצְלָן.

## ב.

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר אִין דִי תּוֹרָה (בְּרֵאשִׁית ג, כג-כד): וֶוען אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גֶעזִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִצְלָן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְטְרִיבְּן פוּן 'גַן עֵדֶן', וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרֶעסְטֶע קְלָלָה. אִיז שְׁוֶוער פוּן וואוּ הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן? אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט דָאךְ בִּיז יֶעצְט אוֹיף גֶעלֶעבְּט דָא אִין דֶער וֶועלְט? עֶר אִיז נִישְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִין אַן אַנְדֶערֶע וֶועלְט?!

נָאר עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, טו): **וַיִּקַּח ה' אֱלֹקִים אֶת הָאָדָם וַיַּנִּחֵהוּ בְגַן עֵדֶן**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶענוּמֶען אָדָם הָרִאשׁוֹן, אוּן אִים אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין גַן עֵדֶן. פְרֶעגְט דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (בְּרֵאשִׁית כז ע"א): פוּן וואוּ הָאט עֶר אִים גֶענוּמֶען? עֶנְטְפֶערְט דֶער זוֹהַר

הַקָדוֹשׁ: עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן זַיינֶע פִיר יְסוֹדוֹת; דָאס הֵייסְט, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ בַּאשְׁטֵייט פוּן פִיר יְסוֹדוֹת: ׳אֵשׁ, רוּחַ, מַיִם, עָפָר׳. רוֹב פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז ׳עָפָר׳, דֶערְפַאר צִיעֶט אִים שְׁטֶענְדִיג צוּ עַצְבוּת (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קפט). נָאךְ עָפָר קוּמְט ׳מַיִם׳, וָואס פוּן דֶעם קוּמְט אַלֶע תַּאֲווֹת; תַּאֲווֹת אֲכִילָה, תַּאֲווֹת נִיאוּף, תַּאֲווֹת מָמוֹן, תַּאֲווֹת כָּבוֹד וְיֵשׁוּת. אוֹיף דֶעם קוּמְט ׳רוּחַ׳, אַז אַ מֶענְטְשׁ מוּז רֶעדְן אָן אַ שִׁיעוּר, וָואס דָאס הַרְגֶ׳עט אִים אָפּ רַחְמָנָא לִצְלָן, וַוייל אַלֶע צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט, אִיז נָאר וַוייל עֶר רֶעדְט אִיבֶּערִיגֶע רֵייד, בִּפְרַט אִין שְׁטוּב אַז מֶען רֶעדְט אִיבֶּערִיגֶע וֶוערְטֶער, זָאגְן שׁוֹין חֲזַ״ל (אָבוֹת א, ה): **סוֹפוֹ יוֹרֵשׁ ׳גֵיהִנוֹם׳**, וַוייל אַז מֶען רֶעדְט מִיטְן וַוייבּ צוּפִיל, קוּמְט מֶען נָאכְדֶעם צוּ וִויכּוּחִים, אוּן עֶר רֶעדְט אוֹיף אִיר טַאטְן, נָאכְדֶעם רֶעדְט זִי אוֹיף זַיין מַאמֶע וְכוּ׳, וָואס דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר נָאךְ דִי ׳גֵיהִנוֹם׳ אוֹיף דֶער וֶועלְט. אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי כא, כג): **שֹׁמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ שֹׁמֵר מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ**. אַז אֵיינֶער הִיט זִיךְ דָאס מוֹיל אוּן עֶר רֶעדְט נִישְׁט קַיין

אִיבֶּעריִגֶע וֶוערְטֶער, הִיט עֶר זִיךְ אָפּ פוּן אַסַאךְ צָרוֹת. נָאכְדֶעם קוּמְט 'אֵשׁ', וָואס דָאס אִיז דִי כַּעַס וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד): אַז פוּן דִי פִּיר כּוֹחוֹת קוּמֶען אַרוֹיס אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת. נָאר מֶען דַארְף דָאס אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, אוּן אַז מֶען אַרְבֶּעט דָאס אוֹיס, הֵייבְּט אָן צוּ לַייכְטְן בַּיי אִים דֶער שֵׁם הֲוָיָ"ה (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"ז), וָואס דִי פִּיר אוֹתִיוֹת אִיז קֶעגְן דִי פִּיר יְסוֹדוֹת.

וֶועגְן דֶעם פוּן וֶוען דֶער שְׁלַאנְג הָאט צוּגֶערֶעדְט אָדָם הָרִאשׁוֹן עֶר זָאל זִינְדִיגְן, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: דוּ וֶועסְט זַיין אַזוֹי וִוי דֶער בַּאשֶׁעפֶער. אוּן עֶר הָאט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר צוּרִיק אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי פִּיר יְסוֹדוֹת, מִמֵילָא אִיז עֶר גֶעוָוארְן פַארְטְרִיבְּן פוּן 'גַן עֵדֶן', אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשְׁטֶעלְט אַ שְׁוֶוערְד וָואס דְרֵייט זִיךְ [לַהַט הַחֶרֶב הַמִּתְהַפֶּכֶת (בְּרֵאשִׁית ג, כד)], וָואס יָאגְט אוּן טְרַייבְּט אוּן לָאזְט נִישְׁט קֵיינֶעם אַרַיין אִין 'גַן עֵדֶן'.

אָבֶער וִוי אַזוֹי אִיז מֶען דָאךְ זוֹכֶה אַרַיין צוּ גֵיין אִין 'גַן עֵדֶן'?! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפו): עֶס אִיז דָא טוֹיעֶרְן, וָואס דוּרֶעךְ דִי טוֹיעֶרְן קֶען מֶען אַרַיין גֵיין אִין 'גַן עֵדֶן'.

וָואס זֶענֶען דִי טוֹיעֶרְן? נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א): יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ מְנוֹרָה פוּן זִיבְּן לֶעכְט: דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי צְוֵויי נָאז לֶעכֶער, מִיט דִי מוֹיל. דָאס זֶענֶען דִי שִׁבְעָה נֵרוֹת; אִין סֵפֶר יְצִירָה (פֶּרֶק ד, מִשְׁנָה יב): רוּפְט עֶר דָאס אָן: שִׁבְעָה שְׁעָרִים - זִיבְּן טוֹיעֶרְן. אוּן דִי טוֹיעֶרְן זֶענֶען דִי טוֹיעֶרְן פוּן 'גַן עֵדֶן'; דָאס הֵייסְט, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן, אוּן דִי אוֹיעֶרְן, אוּן דִי נָאז [עֶר אִיז נִישְׁט אִין כַּעַס], אוּן דִי מוֹיל [עֶר רֶעדְט נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער שְׁטֶענְדִיג], הָאט עֶר דִי טוֹיעֶרְן אַרַיין צוּ גֵיין אִין 'גַן עֵדֶן'.

אָבֶער אוֹיבּ חָלִילָה וְחַס עֶר הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, אוּן עֶר קוּקְט צַאם אַלֶע שְׁמוּץ, פַאלְט עֶר אַרַיין אִין אַלֶע דִמְיוֹנוֹת; וַוייל דִי גַאנְצֶע תַּאֲוָה פוּן נִיאוּף אִיז אַ

גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ע"ב): וֶוער עֶס וֵוייסְט נָאר אַבִּיסְל פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אִיז בַּיי אִים דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין נִסָיוֹן, אוּן עֶר לַאכְט פוּן דֶעם, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא. אָבֶער וִויבַּאלְד אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט וואוּ עֶר דַארְף נִישְׁט, בִּפְרַט דִי אַלֶע כְּלֵי מַשְׁחִית, ווִי אִינְטֶערְנֶע"ט אוּן אֵייפַּא"ד וְכוּ׳, וָואס אוֹיסֶער דֶעם וָואס עֶר פַארְבְּרֶענְט סְתַּם דִי צַייט רַחְמָנָא לִצְלָן, וָואס דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ, אִיז עֶר זִיךְ נָאךְ גוֹרֵם אַז עֶר פַארְגֶעסְט פוּנֶעם מְצִיאוּת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן עֶר גֵייט אַרַיין אִין אַלֶע נַארִישֶׁע דִמְיוֹנוֹת, וָואס דָאס הַרְגֶ׳עט אִים אָפּ, בִּיז עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע רַחְמָנָא לִצְלָן, וָואס דָאס אִיז אַ קְלָלָה אִין דִי תּוֹכָחָה (דְבָרִים כח, לד): **וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה.**

נָאכְדֶעם דִי אוֹיעֶרְן; עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (יִתְרוֹ דַף עה ע"ב): וֶוער עֶס הָאט גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרְן – דָאס הֵייסְט עֶר מוּז אַלֶעס הֶערְן אוּן ווִיסְן – אִיז אַ טִיפֵּשׁ;

וַוייל אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז יֶעדֶער טְרַאכְט פוּן אִים אוּן רֶעדְט פוּן אִים, וֶועגְן דֶעם לוֹיפְּט עֶר אַרוּם בַּיי אַלֶע קוּפְּקֶעס, אוּן וואוּ מֶען שְׁמוּעֶסְט עֶפֶּעס, הֶערְן וָואס מֶען רֶעדְט, בִּשְׁעַת קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט פוּן אִים.

נָאכְדֶעם דִי נָאז; וָואס פוּן דָארְט קוּמְט כַּעַס, אַז יֶעדֶע קְלֵיינִיגְקַייט נֶערְוִוירְט אִים, אוּן עֶר וֶוערְט אַזוֹי אוֹיפְּגֶערֶעגְט אוּן פַּארְלוֹירְן בִּיז עֶר קוּמְט צוּ רְצִיחָה רַחְמָנָא לִצְלָן.

נָאכְדֶעם דִי מוֹיל; אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נֶעבֶּעךְ לָשׁוֹן הָרַע וְכוּ׳, בְּרֶענְגְט דָאס צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן, אוּן דָאס הַרְגֶ׳עט אִים אַלֵיין, אוּן אוֹיף וֶועם עֶר הָאט גֶערֶעדְט, אוּן דֶער וָואס הֶערְט דָאס אוֹיס. אוּן אַז מֶען פַּארֶערכְט דָאס אַלֶעס, אוּן מֶען אַרְבֶּעט אוֹיס דִי זִיבְּן שְׁעָרִים, קֶען מֶען שְׁפִּירְן דֶעם גַן עֵדֶן.

אָבֶּער יֶעצְט אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן דֶעם פָּסוּק (אֵיכָה ב, ט): טָבְעוּ בָאָרֶץ שְׁעָרֶיהָ, דִי טוֹיעֶרְן זֶענֶען אַיינְגֶעזוּנְקֶען אִין דֶער עֶרְד רַחְמָנָא לִצְלָן; וַוייל אַז אַ

מֶענְטְשׁ הָאט נֶעבֶּעךְ פּוֹגֵם גֶעוֶועֶן דִי אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן, נָאז, מוֹיל, אִיז זַיין מֹחַ אִין גָלוּת, אוּן עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אוּן דָאס לֶעבְּן אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער, מַמָשׁ אַ ׳גֵיהִנוֹם׳, אוּן וָואס אִיז דִי עֵצָה אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי טוֹיעֶרְן פוּן דֶער עֶרְד, אוּן זוֹכֶה זַיין אַרַיינְצוּגֵיין אִין ׳גַן עֵדֶן׳, אוּן אָנְהֵייבְּן צוּ שְׁפִּירְן כַּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ? !

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן רפו) : מֶען דַארְף הָאבְּן אַ בַּעַל הַבַּיִת וָואס עֶר קֶען אַרוֹיסְצִיעֶן דִי טוֹיעֶרְן פוּן דֶער עֶרְד. [וָואס דָאס אִיז דֶער צַדִיק, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת מַעֲשֶׂה י״ג) : בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס, אִין דֶעם צְוֵוייטְן טָאג, אַז עֶס אִיז גֶעוֶועֶן אַ גֶערְטְנֶער, וָואס דוּרֶעךְ אִים הָאט דִי גַאנְצֶע מְדִינָה גֶעלֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן, אוּן דֶער גֶערְטְנֶער אִיז נֶעבֶּעךְ פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן וְכוּ׳, אוּן עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער מֶלֶךְ הָאַכְזָר, אוּן עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דָארְטְן זַיינֶע קְנֶעכְט, וָואס זֵיי הָאבְּן קַאלְיֶע גֶעמַאכְט דָאס גוּט לֶעבְּן פוּן דִי גַאנְצֶע מְדִינָה. אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן

ס״ה): עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס עֶר אִיז דֶער בַּעַל הַשָּׂדֶה - גֶערְטְנֶער, וָואס עֶר קוּקְט זִיךְ אוּם, אוֹיפְן גַאנְצְן גָארְטְן.]

אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט שׁוּלְחָן עָרוּךְ אוּן פּוֹסְקִים, וֶוערְט עֶר אַ בַּעַל הַבַּיִת אוּן אַ הֶערְשֶׁער, אוּן עֶר קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי טוֹיעֶרְן; וַוייל אִין דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אִיז דָא הֲלָכוֹת פוּן **דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר**. דָאס הֵייסְט, עֶס אִיז דָא הֲלָכוֹת אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט אִין דִי בְּרִיאָה, לְמָשָׁל: **דוֹמֵם**: אַלֶע הֲלָכוֹת וָואס עֶס אִיז דָא בַּיי אַ פֶעלְד, אָדֶער וֶוען מֶען בּוֹיעֶט אַ הוֹיז. **צוֹמֵחַ**: דִי הֲלָכוֹת פוּן אַיינְזֵייעֶן וְכוּ׳, כִּלְאַיִם; תְּרוּמוֹת וּמַעַשְׂרוֹת וָואס עֶס אִיז שַׁיָיךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. **חַי**: אַלֶע הֲלָכוֹת וָואס אִיז שַׁיָיךְ בַּיי עֶסְן, וָואס מֶען מֶעג אוּן וָואס נִישְׁט, אוּן וִויאַזוֹי מֶען מֶעג דָאס עֶסְן, דִי הֲלָכוֹת פוּן שֶׁחְטְ׳ן וְכוּ׳. **מְדַבֵּר**: אִיז דָאךְ דָא אָן אַ שִׁיעוּר הֲלָכוֹת צְוִוישְׁן אֵיין מֶענְטְשׁ אִין דֶעם אַנְדֶערְן. קוּמְט אוֹיס אַז אִין דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר, אִיז דָא הֲלָכוֹת, וָואס דִי הֲלָכוֹת וַוייזְט אוּנְז אַז אִין יֶעדֶע זַאךְ אִיז דָא דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן קַיין שוּם זַאךְ

אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט הֶפְקֵר, וָואס דָאס אִיז דֶער שׁוּלְחָן עָרוּךְ וָואס אִיז דֶער תַּמְצִית פוּן **תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה**.

וֶועגְן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַסַאךְ פּוֹסְקִים, וֶוערְט עֶר בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז אִין יֶעדֶע זַאךְ אִיז דָא דֶער בַּאשֶׁעפֶער, מִמֵילָא דוּרֶעךְ דֶעם נֶעמְט עֶר אַרוֹיס דִי טוֹיעֶרְן פוּן דֶער עֶרְד, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ דִי 'גַן עֵדֶן'.

וֶועגְן דֶעם אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ לֶערְנֶען שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן זִיךְ פִּירְן לוֹיטְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט עוֹבֵר צוּ זַיין אוֹיפְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ. אַ אִיד דַארְף וִויסְן: ווִילַאנְג עֶר פִּירְט זִיךְ לוֹיטְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן לוֹיט דִי פּוֹסְקִים אוּן שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת וָואס זֶענֶען גֶעבּוֹיעֶט אוֹיפְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, גֵייט עֶר אוֹיפְן גוּטְן וֶועג, אָבֶער ווִי נָאר חָלִילָה וְחַס עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, דַארְף מֶען וִויסְן אַז עֶס טוֹיג נִישְׁט, אוּן עֶס אִיז בִּיטֶער, דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי

זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז אוּנְזֶערֶע לַייט זָאלְן לֶערְנֶען שׁוּלְחָן עָרוּךְ יֶעדְן טָאג (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כט).

ג.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפו): דֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים טז, יח): **שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ וְכוּ' לִשְׁבָטֶי"ךָ. שב"ט** אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת טָ'בְעוּ בָּ'אָרֶץ שְׁ'עָרֶיהָ; דָאס הֵייסְט, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֶעהְן אַז דִי מַנְהִיגִים זָאלְן קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי טוֹיעֶרְן פוּן 'גַן עֵדֶן', פוּן דֶער עֶרְד. דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק: שׁוֹפְטִים וְשׁוֹטְרִים תִּתֶּן לְךָ, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן אַ שׁוֹפֵט אוּן אַ שׁוֹטֵר, אַ שׁוֹטֵר מֵיינְט, אַ אוֹיפְזֶעעֶר [פָּאלִיס] וָואס גֶעט אַכְטוּנְג מֶען זָאל נִישְׁט פַארְלֶעצְן דֶעם גֶעזֶעץ, אוּן אַ שׁוֹפֵט מֵיינְט אֵיינֶער וָואס מִשְׁפָּט אוּן אִיז דַן אוֹיבּ מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם גֶעזֶעץ. אוּן יֶעדֶער אִיד דַארְף הָאבְּן דִי צְוֵויי זַאכְן.

אַ שׁוֹטֵר: דָאס אִיז מְרַמֵז אוֹיף: רַ'מְבַּ"ם טוּ'ר שׁוּ'לְחָן עָרוּךְ, וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן

שׁוֹטֵ״ר, דָאס הֵייסְט עֶר זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ פּוֹסְקִים, און עֶר זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִינֵי הַתּוֹרָה חַס וְשָׁלוֹם, און יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט, זָאל עֶר זֶעהְן צוּ מֶען מֶעג דָאס טוּהְן צוּ נִישְׁט, און עֶר זָאל זִיךְ אָפְּהִיטְן דִי אוֹיגְן, דִי אוֹיעֶרְן, דִי נָאז, דִי מוֹיל, און חָלִילָה נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין און זֵיי קַאלְיֶע מַאכְן.

אַ שׁוֹפֵט: דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מִשְׁפָּטְ'ן און פַארְצֵיילְן אַלֶעס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף וָואס עֶר אִיז דוּרֶעכְגֶעפַאלְן, און בֶּעטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ בִּין נִכְשָׁל גֶעוָוארְן און אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעדַארְפְט, זַיי מִיר מוֹחֵל, וָואס זָאל אִיךְ טוּעֶן אִיךְ הָאבּ אַ בְּרֶענֶענְדִיגְן יֵצֶר הָרַע; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! מִיט מַיינֶע אוֹיעֶרְן הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט גֵיין הֶערְן וָואס דֶער זָאגְט און וָואס יֶענֶער זָאגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט הֶערְן וִוי מֶען רֶעדְט אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן, וָואס הָאבּ אִיךְ דָאס גֶעדַארְפְט טוּהְן?! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ בִּין

גֶעוֶועןן הַיינְט אוֹיפְגֶערֶעגְט אִין שְׁטוּב, בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁלָאגְן, וָואס הָאט דָאס אוֹיסְגֶעפֶּעלְט? ! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם ! אִיךְ בִּין דוּרֶעךְ גֶעפַאלְן, אוּן גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע וְכוּ׳; אוּן דֶעמָאלְטְס קֶען מֶען לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אַזוֹי וִוי אָדָם הָרִאשׁוֹן פַארְן חֵטְא, וָואס חֲזַ״ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין נט ע״ב): אַז דִי מַלְאָכִים הָאבְּן אִים גֶעבְּרָאטְן פְלֵייש, אוּן אִים גֶעמַאכְט וַויין, אוּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט, אוּן אִים בַּאדִינְט, אוּן עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט אִין ׳גַן עֵדֶן׳.

וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, אוּן עֶר אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה נָאר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פַאר אִים (בְּרָכוֹת ו ע״ב). אוֹיךְ זָאגְן חֲזַ״ל (בְּרָכוֹת נח ע״א): **אוֹרֵחַ טוֹב מַהוּ אוֹמֵר? כָּל מַה שֶׁטָּרַח בַּעַל הַבַּיִת לֹא טָרַח אֶלָּא בִּשְׁבִילִי**, אַ גוּטֶער גַאסְט, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען בְּרֶענְגְט אִים, זָאגְט עֶר: אַלֶעס וָואס דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט צוּגֶעגְרֵייט אוּן גֶעגֶעבְּן, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן דָאס גֶעמַאכְט סְפֶּעצְיֶעל פַאר מִיר, אַז אִיךְ זָאל זִיךְ מְחַיֶה זַיין דֶערְמִיט, אוּן עֶר בַּאדַאנְקְט אִים; אַ שְׁלֶעכְטֶער

גַאסְט זָאגְט: דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט דָאס אַלֶעס בֶּאֱמֶת גֶעמַאכְט פַאר זִיךְ, און נָאר זִיךְ אִינְזִין גֶעהַאט, נָאר עֶר שֶׁעמְט זִיךְ, און עֶר וִויל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפִירְן וִוי אַ פֶּרֶא אָדָם, דֶערְלַאנְגְט עֶר דֶערְפוּן פַאר מִיר אוֹיךְ.

און דָאס זֶעלְבֶּע קוּמְט פָאר בַּיי אוּנְז אוֹיךְ, מִיר זֶענֶען אַלֶע אוֹרְחִים דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת; [עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט: אַ אִיד אִיז אַמָאל אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים זי"ע, און עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וִוי אַזוֹי דֶער חָפֵץ חַיִים זַ"ל לֶעבְּט זֵייעֶר פָּשׁוּט, זַיין טִישׁ אִיז גֶעוֶוען פוּן אַפָּאר צַאמְגֶעקְלַאפְּטֶע בְּרֶעטֶער, און אַזוֹי אוֹיךְ דִי בַּאנְק, און אוֹיסֶער דֶעם אִיז דֶער שְׁטוּב גֶעוֶוען לֵיידִיג. רוּפְט זִיךְ דֶער אִיד אָן: רֶבִּי, וואוּ אִיז אֵייעֶר מֶעבְּל?! עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים: אִיךְ בִּין אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, און עֶר פְרֶעגְט צוּרִיק דֶעם אִיד: וואוּ אִיז אֵייעֶר מֶעבְּל? זָאגְט עֶר: בַּיי מִיר אִין שְׁטוּב הָאבּ אִיךְ שֵׁיינֶע מֶעבְּל. פְרֶעגְט עֶר אִים: וואוּ אִיז דָאס יֶעצְט? עֶנְטְפֶערְט עֶר: אִיךְ בִּין דָאךְ דָא נָאר אַ גַאסְט, אִיךְ בִּין דָא דוּרֶעךְ גֶעפָארְן, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט

בַּאזוּכְן דֶעם רֶבִּי'ן! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים זַ"ל: אִיךְ בִּין דָא אוֹיף נָאר אַ גַאסְט, מַיינְס אִיז אוֹיכֶעט צוּגֶעגְרֵייט דָארְט אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט].

דָאס זָאגְט דִי גְמָרָא, אַ גוּטֶער אוֹרֵחַ זָאגְט: אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אוּן גֶעמַאכְט, הָאט עֶר דָאס גֶעמַאכְט פַאר מִיר אוּן פַאר מַיין בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייט, לְמָשָׁל: דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט עֶס זָאל זַיין אַ קַאר, אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן גֵיין צוּפוּס, דַאנְקְט עֶר אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אַז עֶר קֶען בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אָנְקוּמֶען וואוּ עֶר דַארְף, אוּן אַז עֶר דַארְף פָאהְרְן אִיבֶּערְן יַם, אִיז דָא בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַן עֶרָאפְּלַאן, אוּן אַזוֹי בַּיי יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֵוייסְט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס בַּאשַׁאפְן סְפֶּעצִיֶעל פַאר אִים. דָאס זָאגְן חֲזַ"ל (סַנְהֶדְרִין לז ע"א): חַיָיב אָדָם לוֹמַר בִּשְׁבִילִי נִבְרָא הָעוֹלָם; דָאס הֵייסְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַריין נֶעמֶען אִין זִיךְ, אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער בַּאשַׁאפְן פַאר אִים אוּן פַאר זַיין טוֹבָה.

אָבֶּער דֶער טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַז שְׁטֶענְדִיג רֶעדְט עֶר זִיךְ אָפּ, אוּן שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְט עֶר אַז עֶס פֶּעלְט אִים, אוּן קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דֶעם הַאלְבְּן גְלָאז וָואס אִיז לֵיידִיג, אוּן אַלְץ ווִיל עֶר הָאבְּן מֶער פוּן וִויפִיל עֶר הָאט, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (קֹהֶלֶת רַבָּה א, לד): **יֵשׁ לוֹ מָנֶה רוֹצֶה מָאתַיִם**; זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן מ): **אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ שֶׁפַע כְּפוּלָה - אַ דָאפֶּלְטֶער שֶׁפַע**; וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז בַּיי אִים שְׁטֶענְדִיג פוּל דֶער גְלָאז; דָאס הֵייסְט, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר הָאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶענוּג גֶעלְט, אוּן אַז עֶר אִיז דֶער רַייכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אִין דֶער וֶועלְט, אוּן אַלֶעס וָואס אִיז דָא אִין דִי וֶועלְט אִיז זַיינְס, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פַאר אִים; אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַזוֹי, אוּן חַזֶר'ט זִיךְ דָאס אַיין, פֶּעלְט אִים טַאקֶע גָארְנִישְׁט, אוּן אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט יֶעצְט אוֹיף דִי מִינוּט וָואס עֶר דַארְף, וֶוערְט עֶר נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, וַוייל עֶר טְרַאכְט: עֶר וֶועט דָאס הָאבְּן שְׁפֶּעטֶער, אוּן

אַז מֶען לֶעבְּט אַזוֹי, אִיז דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן אַ פַיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן.

ד.

דֶער פָּסוּק זָאגְט צֶדֶק צֶדֶק תִּרְדֹּף וְכוּ׳ (דְּבָרִים ט״ז כ):, פוּן דֶעם זֶעהְט מֶען, ווִי וַוייט מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען מֶען מִשְׁפָּט אַ מֶענְטְשׁ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט דוּרֶעכְפַאלְן; וַוייל אַז מֶען הֶערְט אוֹיס נָאר אֵיין זַייט, אִיז דָאס שׁוֹין לָשׁוֹן הָרַע רַחְמָנָא לִצְלָן. און בִּכְלַל דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ צוּגֶעוואוֹינֶען נִישְׁט זִיךְ אַרַיינְצוּמִישְׁן אִין קַיין שׁוּם מַחְלוֹקֶת, וַוייל קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אַ דַיָין און אַ שׁוֹפֵט, און עֶר דַארְף קֵיינֶעם נִישְׁט פַארֶעכְטְן, און דָארְט וואוּ מֶען זֶעהְט אַז צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, זָאל מֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט.

דִי גְמָרָא בְּרֶענְגְט (בְּרָכוֹת נו ע״א): רָבָא הָאט גֶעזֶעהְן ווִי צְוֵויי בְּלִינְדֶע מֶענְטְשְׁן שְׁלָאגְן זִיךְ, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זֵיי אָפְּהַאלְטְן, הָאבְּן זֵיי גֶעמֵיינְט אַז עֶר ווִיל זֵיי שְׁלָאגְן, הָאבְּן זִיךְ בֵּיידֶע גֶענוּמֶען אוֹיף אִים,

און הָאבְּן אִים צַאם גֶעקְלַאפְּט דִי בֵּיינֶער. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם, אַז וֶוען מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, דַארְף מֶען שְׁטֵיין וַוייט. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כו, יז) **מַחֲזִיק בְּאָזְנֵי כָלֶב עֹבֵר, מִתְעַבֵּר עַל רִיב לֹא לוֹ**, דָאס הֵייסְט, אַז מֶען גֵייט צוּ, צוּ אַ הוּנְט, און מֶען כַאפְּט אִים אָן דֶעם אוֹיעֶר, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר וֶועט דִיר בַּייסְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ פַּאסִירְט, מִיט אֵיינֶעם וָואס מִישְׁט זִיךְ אַרַיין אִין אַ קְרִיגֶערֵיי וָואס הָאט נִישְׁט מִיט אִים צוּטוּהְן.

מֶען דַארְף וִויסְן אַז מַחְלוֹקֶת אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ, און דָאס בְּרֶענְגְט נֶעבֶּעךְ אַלֶע צָרוֹת און אַלֶע אוּמְגְלִיקְן פַארְן מֶענְטְשׁ, און וֶועגְן דֶעם לַיידְן מִיר שׁוֹין גָלוּת צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (יוֹמָא ט ע״ב): דֶער עֶרְשְׁטֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען **עֲבוֹדָה זָרָה, גִילוּי עֲרָיוֹת, שְׁפִיכוּת דָמִים**; אָבֶּער דֶער צְוֵוייטֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹיפִיל תּוֹרָה וְכוּ׳, נָאר וֶועגְן שִׂנְאַת חִנָם אִיז דָאס חָרוּב גֶעוָוארְן. דָאס הֵייסְט אֵיינֶער הָאט פַיינְט גֶעהַאט דֶעם אַנְדֶערְן, וָואס אִין אַלֶע דוֹרוֹת הָאט מֶען

גֶעלִיטְן נָאר צוּלִיבּ דֶעם, אוּן לֵיידֶער הַאלְט דָאס נָאךְ אָן בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג, וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען זֶעהְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף דֶעם, אוּן זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין קַיין שׁוּם מַחֲלוֹקֶה חַס וְשָׁלוֹם.

ה.

כִּי הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים וִיסַלֵּף דִּבְרֵי צַדִּיקִם (דְּבָרִים טז, יט):, אַז אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט שׁוֹחַד, וֶוערְט אִים פַארְבְּלֶענְדְט דִי אוֹיגְן, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אִים נָאכְדֶעם צוּ: וִיסַלֵּף דִּבְרֵי צַדִּיקִם, אַז עֶר פַארְדְרֵייט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי צַדִּיקִים; דָאס הֵייסְט, אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ אַלֵיין מְשַׁחֵד, אוּן עֶר זוּכְט צוּ טוּהְן ווִילְדֶע אוּן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע זַאכְן, מִמֵּילָא דְרֵייט עֶר אוֹיס, אוּן עֶר לֵייגְט דָאס אַרוֹיף אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען.

וֶועגְן דֶעם וֶוער עֶס ווִיל זַיין מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן זַיין אַ בְּרֶסְלְבֶ'ער חָסִיד, דַארְף אַסַאךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים: לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, סֵפֶר הַמִּדּוֹת. בִּפְרַט דִי שִׂיחוֹת פוּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן. אוּן מְקַיֵּים זַיין

פוּנקְטְלִיךְ וָואס עֶס שְׁטֵייט דָארְט, אוּן אַז עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער דָאס מְקַיֵים צוּ זַיין, זָאל עֶר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס אוּן דָאס, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל דָאס קֶענֶען מְקַיֵים זַיין, אוּן אַזוֹי זָאל עֶר פוּן יֶעדֶע שִׂיחָה מַאכְן אַ תְּפִלָּה, אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין דָאס צוּ קֶענֶען מְקַיֵים זַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א): דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, וַוייל דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ; דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוּקְן בַּיי זִיךְ וָואס עֶר הָאט אִין דִי הַאנְט.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו): וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶערְנֶען, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא, רַמְבַּ"ם, טוּר בֵּית יוֹסֵף, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וְכוּ׳, אוּן אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, זָאל מֶען דָאס

זָאגְן. אוּן דָאס אִיז אַ אָפֶענֶע גְמָרָא (עֲבוֹדָה זָרָה יט ע״א): לְעוֹלָם לִיגְרִיס אִינִישׁ, אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט עֶר שׁוֹין קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין.

אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארֶענְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רסג-רסד): מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן דִי וַוייבּ, אוּן מְכַבֵּד זַיין אוּן טַייעֶר הַאלְטְן, אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר, וַוייל דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם טוּט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט מֶען זָאל זִיךְ קְרִיגְן, כְּדֵי מֶען זָאל רַחְמָנָא לִצְלָן קוּמֶען צוּ אַ גֵט וְכוּ׳. אוּן דִי אַלֶע נַארִישֶׁע ווִילְדֶע דְרָכִים וָואס מֶען לֶערְנְט הַיינְט אוֹיס פַאר אִינְגֶעלַייט, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זַיין אִין שְׁטוּבּ וְכוּ׳, שְׁטֵייט נִישְׁט אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים.

דָאס זֶעלְבֶּע זַאךְ מִיטְן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, נָאר ווּאוּ מֶען גֵייט, קֶען מֶען אוֹיפְמַאכְן דֶעם מוֹיל אוּן רֶעדְן אַפָּאר דִיבּוּרִים צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַזוֹי מִיט יֶעדֶע הַנְהָגָה וָואס דֶער

הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, זֶעהְן וֶוער עֶס קֶען דָאס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין מִיר, אַז אִיךְ זָאל דָאס אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ מְקַיֵּים זַיין, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם.

## ו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קע"ז): אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר הָאט אַזַא רֶבִּי'ן. וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען זֶעהְן מְחַזֵק צוּ זַיין אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן; אָבֶּער דָאס עֶרְשְׁטֶע דַארְף מֶען מְחַזֵק זַיין דִי וַוייבּ אוּן דִי קִינְדֶער, אַזוֹי וְוי דִי גְמָרָא זָאגְט (כְּתוּבוֹת נ ע"א): **הָעוֹשֶׂה צְדָקָה בְּכָל עֵת, זֶה הַזָּן בָּנָיו וּבְנוֹתָיו**, דִי עֶרְשְׁטֶע צְדָקָה דַארְף מֶען גֶעבְּן אִין שְׁטוּבּ, אוּן מְחַזֵק זַיין אִין שְׁטוּבּ, אוּן נָאכְדֶעם אִיז מֶען מְחַזֵק יֶעדְן. אָבֶּער דִי טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז. עֶר אִיז אַ קַמְצָן סַיי מִיט גֶעלְט, אוּן סַיי מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער. אוּן דִי מִדָה פוּן קַארְגְשַׁאפְט, דַארְף מֶען פוּן זִיךְ אוֹיסְרַייסְן, אַזוֹי וְוי דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ רֶעדְט פוּן דִי מִיאוּסְ'קֵייט פוּן אֵיינֶער וָואס אִיז קַארְג (תִּיקוּנֵי זוֹהַר בְּהַקְדָמָה, ב ע"א; וְעַיֵּין

נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ פַּרְשַׁת מִקֵץ). וַוייל אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט דיר גֶעגֶעבְּן גֶעלְט, גֶעבּ פַאר דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער. די זֶעלְבֶּע זַאךְ, זָאל עֶר נִישְׁט זַיין קַארְג מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר זַיין וַוייבּ און קִינְדֶער, און זֵיי מְחַיֶה זַיין, און אַזוֹי זָאל עֶר אויף אַנְדֶערֶע אִידְן מְחַיֶה זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין אַסַאךְ צוּ חַזֶרְ'ן שִׂיחוֹת הָרַ"ן און חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, וָואס דָאס זֶענֶען די שִׂיחוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט אַרָאפְּגֶעשְׁרִיבְּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, און מְקַיֵים זַיין וָואס דָארְטְן שְׁטֵייט. און מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג מְחַיֶה זַיין זִיךְ און אַנְדֶערֶע, וָואס דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען לֶעבְּן אַ חַיִים טוֹבִים, און מֶען וֶועט הָאבְּן אַ 'גַן עֵדֶן' אויף די וֶועלְט.

תַּם וְנִשְׁלָם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם

# אַ שֵׁיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע תְּפִלָּה

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זֶע אִיךְ זָאל זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דָאס אִיךְ בִּין אַ אִיד, אוּן שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי כְּגוֹיֵי הָאֲרָצוֹת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט צוּפַאלְן פוּן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף מִיר דוּרְךְ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, אוּן וִויסְן דָאס אַלֶעס וָואס אוֹיף מִיר גֵייט דוּרְךְ אִיז פַאר מַיין טוֹבָה וֶועגְן, כְּדֵי אִיךְ זָאל גֶערֵיינִיגְט וֶוערְן פוּן מַיינֶע שְׁוֶועֶרֶע זִינְד וָואס אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר לֵיידֶער גֶעזִינְדִיגְט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, טוּ אָפּ פוּן מִיר דָאס עַצְבוּת אוּן בִּיטֶערְנִישׁ, אוּן זֶע אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן זֵיי מַמְתִּיק פוּן מִיר אַלֶע דִינִים, אוּן זֵיי מַשְׁפִּיעַ אוֹיף מִיר אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת, אוּן אִיךְ זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע מַיינֶע חוֹבוֹת, אוּן אִיךְ זָאל הָאבְּן נַחַת פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֶעהְן זֵייעֶר הַצְלָחָה בְּגַשְׁמִיוּת אוּן בְּרוּחְנִיוּת, אוּן אִיךְ זָאל הָאבְּן דֶעם רִיכְטִיגְן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה זָאל רוּעֶן בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ, אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע אִידְן, בִּיז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן דִי שִׂמְחָה פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, מִיט דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה וָואס דוּ וֶועסְט אוּנְז אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן בִּיטֶערְן גָלוּת, אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ בְּבִיאַת גוֹאֵל צֶדֶק בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(אשר בנחל חלק ג מכתב שנ"ו)

בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# נָאר בְּשִׂמְחָה

וָואס דָאס אִיז  אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גָעוָוארְן  דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֶמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער,
וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת וִויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין  דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא תשע"ב

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי,
דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָאוֹן הַקָדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט,
וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים
פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ מִסַּאסוּב זי״ע פְּלֶעגְט זָאגְן, ״וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף אוּן זָאג דִי בְּרָכָה ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי׳ הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אָפְּגֶענוּמֶען אַלֶעס. וָוארוּם מִיט דֶעם בִּין אִיךְ זִיךְ מְחַיֶה אַ גַאנְצְן טָאג, נָאר מִיט דֶעם וָואס אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ גוֹי, דָאס אִיז מֵיין גְרֶעסְטֶער שִׂמְחָה״.
דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קכ״ט), אַז אַלֶע עֶקֶלְדִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע גֶעמֵיינֶע תַּאֲווֹת קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ נָאר פוּן עַצְבוּת, טְרוֹיעֶרְדִיגְקֵייט, מָרָה שְׁחוֹרָה, פַארְבִּיטֶערְנִישׁ. דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ בֶּעטְן שְׁטֶענְדִיג אוֹיף שִׂמְחָה, עֶר זָאל פְרֵיילִיךְ זַיין. כָאטְשׁ עֶס קוּמְט גְלַייךְ דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם אוּן פְרֶעגְט אִים ״וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי פְרֵיילִיךְ?״, אוּן דֶערְמַאנְט אִים אַלֶע זַיינֶע עֲווֹנוֹת וְחַטָאִים חַטְאוֹת נְעוּרִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוֹיף דֶעם דַארְף עֶר גְלַייךְ נוּצְן דֶעם מִדָה פוּן שִׁכְחָה, ״אִיךְ וֵוייס גָארְנִישְׁט! אִיךְ בִּין אַ אִיד, גֶעבּוֹירְן אַ אִיד, אוּן פְרֵיי זִיךְ מִיט דֶעם אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד - שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי״, וָואס אוֹיף דֶעם קֶען דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם גָארְנִישְׁט טוּן.
(אשר בנחל באידיש חלק א׳ מכתב ב׳)

# נָאר בְּשִׂמְחָה

## א.

דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה זָאגְט (דְבָרִים כא, י): **כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וְכוּ׳**, אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין אִין אַ מִלְחָמָה אוֹיף דַיין פַּיינְט. טַייטְשְׁן דָאס דִי מוּסָר סְפָרִים (אַלְשִׁיךְ הַקָּדוֹשׁ, וְעוֹד): **כִּי תֵצֵא**: וִוי נָאר מֶען גֵייט אַרוֹיס צוּ דִי אַוִיר פוּן דֶער וֶועלְט אִיז שׁוֹין דָא אַ מִלְחָמָה, וַוייל יֶעדֶע נְשָׁמָה קוּמְט פוּן יֶענֶער וֶועלְט, וָואס דָארְטְן אִיז זִי זִיךְ מִתְעַנֵג מִזִיו הַשְּׁכִינָה אוּן עֶס

פֶּעלְט אִיר גָארְנִישְׁט, אָבֶּער וִוי נָאר מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דָארְטְן אוּן מֶען קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, אִיז שׁוֹין דָא אַ מִלְחָמָה. אַזוֹיוִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית ד, ז): **לַפֶּתַח חַטָּאת רֹבֵץ.** גְלַייךְ בַּיים טִיר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיס אוֹיף דֶער וֶועלְט, רַייט שׁוֹין דֶער יֵצֶר הָרַע אוֹיף אִים אוּן אִיז אִים מַכְשִׁיל.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק וַוייטֶער, אוֹיף וֶועמֶען אִיז דֶער מִלְחָמָה? **"עַל אֹיְבֶיךָ"**, אוֹיף דַיין פַיינְט; טַייטְשְׁן דִי מְפָרְשִׁים (אוֹר הַחַיִּים וְרַמְבַּ"ן הַקָּדוֹשׁ): אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן יֵצֶר הָרַע וָואס עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער שׂוֹנֵא פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ט): **"טְרַאכְטְן גוּטְס", דָאס אִיז דֶער יֵצֶר טוֹב. "טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס", דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע.** דָאס הֵייסְט, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, טְרַאכְט עֶר נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְטְס בַּאהֶעפְט עֶר דִי וֶועלְט מִיט יֶענֶע וֶועלְט,

און דִי וֶועלְט וֶוערְט אוֹיכֶעט עוֹלָם הַבָּא, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן כ"א): וואו דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, דָארְטְן אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ. און ווִיבַּאלְד עֶר טְרַאכְט נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער אִיז עֶר אִין דִי וֶועלְט אוֹיכֶעט מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דָאס אִיז יֵצֶר טוֹב, גוּטֶע גֶעדַאנְקֶען.

ווִידֶערְאוּם אַז עֶר טְרַאכְט נָאר פוּן 'דִי וֶועלְט', און רֶעדְט זִיךְ אֵיין: עֶר וֶועט דָא לֶעבְּן בָּזֶה הָעוֹלָם אָן אַ שִׁיעוּר יָארְן, און וֶועט מַאכְן אַזוֹיפִיל גֶעלְט, און זִיךְ בּוֹיעֶן שֵׁיינֶע פַּאלַאצְן, און הָאבְּן אַזוֹיפִיל כָּבוֹד וְכוּ׳, יֶעדֶער מִיט זַיין דִמְיוֹן וָואס עֶר מַאכְט דֶערְפוּן אַ גַאנְצֶער עֵסֶק, קוּמְט אוֹיס אַז עֶר הָאט אָפְּגֶערִיסְן דִי וֶועלְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דָאס אִיז דֶער יֵצֶ"ר הָרַ"ע, שְׁלֶעכְטֶע און נַארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן נ"ד, וְעַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צ"ו): אַ אִיד דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְן זִכָּרוֹן, און דֶער עִיקָר זִכָּרוֹן אִיז,

זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ וֶועלְט וָואס דָאס אִיז עוֹלָם הַבָּא.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא סִימָן ח. וְסֵפֶר הַבָּהִיר סִימָן נב, וְעַיֵּין בְּעֵץ חַיִּים שַׁעַר צִיּוּר הָעוֹלָמוֹת פ"ג): "עוֹלָם הַבָּא" מֵיינְט עֶר בְּרֶענְגְט אַרָאפּ פוּן אוֹיבְן רוּחְנִיּוּת. וַוייל בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁטָא קַיין חִילּוּק צְווִישְׁן דֶער וֶועלְט אוּן יֶענֶער וֶועלְט, אַלֶעס הָאט דֶער זֶעלְבֶּער בַּאשֶׁעפֶער בַּאשַׁאפְן, (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"א): נָאר אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג הִיטְן דֶעם זִכָּרוֹן, צוּ וִויסְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא מִיט אִים, אוּן דָאס אִיז דֶער מִלְחָמָה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט.

דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה אִיז אָבֶּער מַבְטִיחַ, אוּן זָאגְט גְלַייךְ (שָׁם): וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן אִין דַיינֶע הֶענְט, אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר: וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ, דוּ וֶועסְט נָאךְ כַאפְּן נָאךְ גֶעפֶענְגֶענִישְׁן (עַיֵּין אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ). וָואס דָאס זֶענֶען דִי צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען זוֹכֶה אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן זֶענֶען מְקָרֵב אַנְדֶערֶע אִידְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֶועגְן דִי בְּחִירָה אוּן נִסָּיוֹן, אַז עֶר זָאל בַּאהַאלְטְן אוּן פַארְדֶעקְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ. (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ש): אוּן עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעכַאפְּט אָן אַ שִׁיעוּר נְשָׁמוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען אִינְגַאנְצְן אַוֶועק פוּן בַּאשֶׁעפֶער, כָאטְשִׁיג עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם זָאגְט (תְּהִלִּים קלט, ו): **פְּלִיאָה דַעַת מִמֶּנִּי, נִשְׂגְּבָה לֹא אוּכַל לָהּ**: אִיךְ ווְאוּנְדֶער זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, **אָנָה מִפָּנֶיךָ אֶבְרָח**: וואוּ קֶען אִיךְ פוּן דִיר אַנְטְלוֹיפְן? אוּן וואוּ אִיז בִּכְלַל שַׁיָיךְ פוּן דִיר אַוֶועק צוּ גֵיין? וַוייל **אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה, וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל הִנֶּךָּ**: גֵיי אִיךְ אַרוֹיף אִין הִימְל בִּיסְטוּ דָארְטְן, צִיע אִיךְ מִיךְ אִיבֶּער אַ בֶּעט אִין טִיפְן שְׁאוֹל, דָאס הֵייסְט אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין אַ טִיפְן גְרוּב, בִּיסְטוּ - הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער - וַוייטֶער דָא מִיט מִיר! **וָאֹמַר אַךְ חֹשֶׁךְ יְשׁוּפֵנִי וְלַיְלָה אוֹר בַּעֲדֵנִי**. אוּן אַז עֶס אִיז מִיר פִינְסְטֶער אוּן עֶס גֵייט אוֹיף מִיר דוּרֶעךְ, אֲפִילוּ דֶעמָאלְטְס: **גַּם חֹשֶׁךְ לֹא יַחְשִׁיךְ מִמֶּךָּ, וְלַיְלָה כַּיּוֹם יָאִיר כַּחֲשֵׁיכָה כָּאוֹרָה**. קַיין

שׁוּם פִּינְסְטֶערְנִישׁ קֶען דִיר נִישְׁט פַארְדֶעקְן. וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָבוּק אִין בַּאשֶׁעפֶער אִיז בַּיי אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט קַיין חִילוּק גָארְנִישְׁט, שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְט עֶר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. אָבֶּער וִויבַּאלְד אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן אָפְּגֶערִיסְן גֶעוָוארְן פוּן דֶעם, אִיז עֶר נֶעבֶּעךְ גֶעפַאנְגֶען גֶעוָוארְן אִין דִי הֶענְט פוּן דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם. אָבֶּער וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּם בַּאשֶׁעפֶער דֶעמָאלְטְס נֶעמְט עֶר אוּן כַאפְּט אַרוֹיס דִי גֶעפֶּענְגֶענִישׁ וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט פוּן אִים גֶעפַאנְגֶען. בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר אִיז נָאךְ מְחַזֵק אַנְדֶערֶע אִידְן אוֹיךְ אוּן נֶעמְט זֵיי אוֹיךְ אַרוֹיס פוּן גֶעפֶּענְגֶענִישׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד): וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרֶעךְ אִיז לְטוֹבָה, לֶעבְּט עֶר אַזוֹי וִוי אִין עוֹלָם הַבָּא. אוּן דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים נ.): אַז יֶעצְט מַאכְט מֶען אוֹיף שְׁלֶעכְטְס, דִי בְּרָכָה: 'דַיַין הָאֱמֶת', דָאס הֵייסְט עֶר וֵוייסְט אַז אַזוֹי וִויל דֶער בַּאשֶׁעפֶער, כָאטְשִׁיג עֶס טוּט

אִים וֵויי. אוּן וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, זָאגְט עֶר דִי בְּרָכָה: ׳הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב׳, אָבֶּער לְעָתִיד וֶועט מֶען שְׁטֶענְדִיג זָאגְן ׳הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב׳, וַוייל מֶען וֶועט זֶעהְן אַז אַלֶעס אִיז אַ טוֹבָה, אָבֶּער יֶעצְט שְׁפִּירְט מֶען אַ חִילוּק, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שָׁם): הַוַיָ״ה אִיז רַחֲמִים, אֱלֹקִים אִיז דִין, אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אוּן מֶען אִיז מְחַבֵּר הַוַיָ״ה מִיט אֱלוֹקִים, דָאס הֵייסְט אַז אַ אִיד וֵוייסְט, אַז וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, אִיז דָאס פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, אִיז דָאס אוֹיכֶעט דֶער בַּאשֶׁעפֶער, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ גַאנְצֶער אוּן קְלָארְן דַעַת אוּן לֶעבְּט אַן עוֹלָם הַבָּא׳דִיגֶער לֶעבְּן.

אָבֶער וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם? זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן נד): דוּרֶעךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען זִינְגְט נִיגוּנִים, גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן דִמְיוֹנוֹת, בִּיז מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ נְבוּאָה אוּן רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, דָאס הֵייסְט זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶועגְן דֶעם דִי נְבִיאִים אַז זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט הָאבְּן

נְבוּאָה, הָאבְּן זֵיי גֶעמוּזְט הָאבְּן כְּלֵי זֶמֶר, וָואס מֶען הָאט גֶעשְׁפִּילְט מִיט דֶעם, אוּן אַזוֹי אַרוּם זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ גֵייט מֶען אַוֶועק פוּן 'כֹּחַ הַמְדַמֶה' פוּן אַלֶע נַארִישֶׁע דִמְיוֹנוֹת אוּן פַאנְטַאזְיֶעס פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן אַזוֹי אַרוּם הָאט גֶעקֶענְט אוֹיף זֵיי רוּעֶן דִי נְבוּאָה, אוּן זֵיי הָאבְּן 'מְדַמֶה' גֶעוֶוען נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס שְׁטֵייט בַּיי דִי נְבִיאִים (מְלָכִים-ב ג, טו): וְהָיָה כְּנַגֵּן הַמְנַגֵּן וַתְּהִי עָלָיו יַד הַוַיָ"ה. 'יַד' אִיז דִי לָשׁוֹן פוּן שִׂמְחָה אוּן כְּלֵי זֶמֶר, אוּן אַז מֶען הָאט גֶעזוּנְגֶען אַ נִיגוּן דֶעמָאלְטְס: וַתְּהִי עָלָיו יַד הַוַיָ"ה, אִיז מֶען גֶעוָוארְן פְרֵיילִיךְ אוּן גֶעוְוּיסְט אַז אַ יֶעדֶע זַאךְ אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אוּן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס הַאנְט. (וְעַיֵין עוֹד שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רע"ג):

שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִים סִימָן צח, סְעִיף א): אַזוֹי הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט דִי אַמָאלִיגֶע חֲסִידִים, אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען פַארְן דַאוֶוענֶען, כְּדֵי זֵיי זָאלְן קוּמֶען צוּ אַזַא מִין דְבֵיקוּת צוּם בַּאשֶׁעפֶער נָאנְט צוּ נְבוּאָה. וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ, אַז עֶס אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען גָארְנִישְׁט נָאר דֶער

בַּאשֶׁעפֶער, אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ דֶער גְרֶעסְטֶער תַּעֲנוּג וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, אוּן עֶס אִיז אִים שׁוֹין נִישְׁט קַיין חִילוּק צוּ עֶר אִיז אוֹיף דֶער וֶועלְט, צוּ עֶר אִיז אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג דֶער זֶעלְבֶּער בַּאשֶׁעפֶער. אוּן דָאס וִויל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִין אוּנְז אַרַיינְבְּרֶענְגֶען.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק: **וּנְתָנוֹ הֲוַיָ"ה אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ** אַז אַ מֶענְטְשׁ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ וִויסְן אַז סֵיי **הֲוַיָ"ה** וָואס דָאס אִיז **חֶסֶד וְרַחְמִים** אוּן סֵיי **אֱלֹקֶיךָ** וָואס אִיז **דִין** אוּן **גְבוּרָה** אִיז אַלֶעס אֵיינִיג וַוייל אַלֶעס אִיז פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז מֶען זוֹכֶה דוּרֶעךְ **בְּיָדֶ"ךָ** - וָואס דָאס אִיז שִׂמְחָה, וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ גֵייט עֶר אַרוֹיס פוּן אַלֶע דִמְיוֹנוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כה): דֶער דִמְיוֹן הַרְגֶ'עט אָפּ אַ מֶענְטְשׁ, אוּן אַז מֶען דַארְף הַיינְט רוּפְן דֶעם יֵצֶר הָרַע מִיט אַ נֵייעֶם נָאמֶען 'כֹּחַ הַמְדַמֶּה'. אוּן מֶען זֶעהְט נֶעבֶּעךְ מֶענְטְשְׁן וָואס פַּיינִיגְן זִיךְ אוּן רוֹדֶפְ'ן זִיךְ אַלֵיין בְּשָׁעַת קֵיינֶער

רוֹדֶפְ׳ט זֵיי נִישְׁט, נָאר דֶער דִמְיוֹן רֶעדְט זֵיי אַיין, אַז דֶער, אָדֶער יֶענֶער, ווִיל זֵיי שְׁלֶעכְטֶס טוּהְן (עַיֵין חַיֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תק״נ). אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ טְרַאכְט עֶר נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט אַ צְוֵוייטְן, אוּן וֵוייסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן מִיט זַיין שְׁטַארְקֶע שִׂמְחָה קֶען עֶר נָאךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען נָאךְ נְשָׁמוֹת פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, נָאךְ נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען אַרַיין גֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רכ״ו): דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט זִינְדִיגְן וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן לִילִי״ת אוֹיפְן נָאמֶען פוּן יְלָלָה, קְלָאגְן. וַוייל דֶער חֵטְא, בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ אַ מוֹרָא׳דִיגֶער מָרָה שְׁחוֹרָה, אַז מֶען זָאל זַיין שְׁטֶענְדִיג צוּבְּרָאכְן, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ נָאךְ אַיין אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין צוּבְּרָאכְן, עֶר כַאפְּט גָארְנִישְׁט אַז דָאס אַלֵיין, אִיז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם וְנוּקְבָא דִילֵיהּ (לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, הוֹדָאָה, הֲלָכָה ו׳). וָואס זֵיי רֶעדְן צוּ, אַז מֶען זָאל זַיין צוּבְּרָאכְן, וַוייל אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַלֶעס

נָאר פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דִּבְרֵי הַיָמִים-א טז, כז): עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ, בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אִיז נָאר דָא שִׂמְחָה. אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל וִויסְן אוֹיבּ עֶר הַאלְט שׁוֹין בַּיי דִי קְדוּשָׁה, אָדֶער - חָלִילָה וְחַס - עֶר אִיז נָאךְ וַוייט פוּן דִי קְדוּשָׁה, דַארְף עֶר קוּקְן, אוֹיבּ אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר זִינְגְט זִיךְ אוּנְטֶער אַ נִיגוּן, דֶעמָאלְטְס אִיז עֶר בַּיי דִי קְדוּשָׁה. אָבֶער אוֹיבּ עֶר אִיז צוּבְּרָאכְן זָאל עֶר וִויסְן אַז עֶר אִיז נָאךְ בַּיי דִי סִטְרָא אַחְרָא, (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"ח, וְחֵלֶק א' סִימָן כ"ד): אָבֶער דָאס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דֶעם בְּחִירָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

אֵיינֶער הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"י): וָואס הֵייסְט בְּחִירָה? הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: פָּשׁוּט! אַז מֶען וִויל, טוּט מֶען, אוּן אַז מֶען וִויל נִישְׁט, טוּט מֶען נִישְׁט. זָאגְט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (שָׁם): אִיךְ הָאבּ דָאס אָנְגֶעצֵייכֶנְט, וַוייל רוֹב מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין בְּחִירָה, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט טוֹישְׁן אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן פוּן מַיין בְּלָאטֶע', אָבֶער בֶּאֱמֶת הָאט

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אַ בְּחִירָה. נָאר וַוייל עֶר אִיז אַזוֹי בְּעַצְבוּת דַאכְט זִיךְ אִים אַז עֶס אִיז עֶק וֶועלְט, דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְן אוֹיף אַלֶע אוֹפַנִים שֶׁבָּעוֹלָם נָאר צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן רֶעדְן פוּן שִׂמְחָה וְכוּ'.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט (יֵיטֶב פָּנִים, מַאֲמַר אַבְנֵי זִכָּרוֹן, אוֹת יא. וּמַאֲמַר יָפָה לְעֵינַיִם אוֹת יח): וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע אִיז גֶעקוּמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זי"ע, הָאט אִים גֶעאַהְרְט דִי קַשְׁיָא, פַארְוָואס דִי חֲסִידִים גֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג אַרוּם מִיט אַ פְרֵיילִיךְ פָּנִים אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ?! עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן א' סְעִיף ג): עֶס אִיז רָאוּי פַאר יֶעדְן יְרֵא שָׁמַיִם צוּ וֵוייטָאגְן אוּן טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ. [דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶועזְן זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶועזְן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט דְרֵיי מָאל, אֵיין מָאל בַּיי דִי שָׁאף פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ, אֵיין מָאל בַּיי דִי מַחְלוֹקֶה פוּן קֹרַח אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן אֵיינְמָאל בַּיים חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן

הָאט צוּגֶעזֶעהְן מִיט זַיינֶע אוֹיגְן דֶעם בִּיטֶערְן חוּרְבָּן, וָואס וֶועגְן דֶעם אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען צוּבְּרָאכְן, אוּן אַזוֹי גֶעוַוארְט אוּן גֶעהָאפְּט אוֹיף דִי גְאוּלָה (דִּבְרֵי יוֹאֵל בַּמִּדְבָּר עָמוּד ע״ח, קֹרַח עָמוּד י, וְעָמוּד ל״ב, וְעַיֵּין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה בְּהַקְדָּמָה),] אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זי״ע זָאל אִים פַארֶענְטְפֶערְן דִי קַשְׁיָא, וַוייל עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (יוֹמָא לח:, לט.): **הַבָּא לְטַהֵר מְסַיְּיעִין אוֹתוֹ**, וֶוער עֶס וִויל זַיין עֶרְלִיךְ הֶעלְפְט מֶען אִים צוּ פוּן הִימְל. אוּן עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט מְסַיְּיעַ אוֹתוֹ, לָשׁוֹן יָחִיד אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין הֶעלְפְט אִים, נָאר עֶס שְׁטֵייט אַ לָשׁוֹן רַבִּים מְסַיְּיעִין, אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אִים צוּ הִילְף אוּן אַוַודְאַי דִי צַדִּיקִים.

אוּן וִוי נָאר עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה זי״ע הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: עֶס שְׁטֵייט (חוֹבַת הַלְּבָבוֹת, שַׁעַר הַפְּרִישׁוּת, פֶּרֶק ד׳): **בַּיי חֲסִידִים אִיז דִי טְרוֹיעֶר אִין הַארְץ, אָבֶּער אוֹיפְן פָּנִים אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ** וְכוּ׳. פוּן

דֶעם זֶעהְט מֶען אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג אַרוּמְגֵיין פְרֵיילִיךְ.

און דָאס אִיז דִי צְוֵויי נְקוּדוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, פוּן אֵיין זַייט שִׂמְחָה, זַיין שְׁטֶענְדִיג נָאר פְרֵיילִיךְ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד). אוּן פוּן אֵיין זַייט רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ה). וָואס דֶעמָאלְטְס גִיסְט מֶען זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ אוּן מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אוּן מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה אוֹיף אַלֶעם וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהְן.

דָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן פא): **תְּפִלָּה שֶׁהִיא בְּשִׂמְחָה הִיא עֲרֵבָה וּמְתֻקָּה לְשֵׁם יִתְבָּרַךְ**, אַ תְּפִלָּה וָואס אִיז בְּשִׂמְחָה אִיז זֵייעֶר אַנְגֶענֶעם אוּן זִיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן ע): **עַל יְדֵי שִׂמְחָה תָּבוֹא תְּפִלָּתְךָ בְּהֵיכַל מֶלֶךְ**, דוּרְךְ שִׂמְחָה וֶועט דַיין תְּפִלָּה אַרַיינְקוּמֶען אִינֶעם הֵיכַל הַמֶּלֶךְ. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ דִי תְּפִילוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל אוֹיךְ זַיין מִיט אַ שִׂמְחָה, וַוייל דֶער עִיקָר אִיז שִׂמְחָה.

ב.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים כא, י): **וּנְתָנוֹ הֲוַיָ"ה אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶ"ךָ**, בְּיָדֶ"ךָ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף צְדָקָה (וַיִּקְרָא רַבָּה פֶּרֶק כו, סִימָן ח. וְעַיֵּין בְּסֵפֶר אִמְרֵי נוֹעַם פָּסוּק זֶה), אַז דוּרֶעךְ צְדָקָה וֶועסְטוּ קֶענֶען בֵּייקוּמֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן דִי וֶועסְט נָאךְ קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אוֹיךְ אַנְדֶערֶע נְשָׁמוֹת פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

וֶועגְן דֶעם דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז אַז מֶען גֶעט צוּ עֶסְן פַאר אָרֶעמֶעלַייט אָדֶער אַז מֶען גֶעט גֶעלְט פַאר דֶעם (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנא, סְעִיף י). וַוייל בַּיי יֶעדֶע צְדָקָה קֶען מֶען אוֹיסְפָּאפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען קֶען אַרַיינְפַאלְן מִיט פַאלְשֶׁע צְדָקוֹת, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא קַמָּא טז ע"ב): יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא (יִרְמְיָהוּ יח, כג) הָאט גֶעשָׁאלְטְן זַיינֶע שׂוֹנְאִים דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שְׁטָאט עֲנָתוֹת, וֶוען זֵיי הָאבְּן אִים אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין

גְרוּבּ: זֵיי זָאלְן גֶעבְּן אַסַאךְ צְדָקָה, אָבֶּער עֶס זָאל נִישְׁט גֵיין אוֹיפְן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ.

וֶועגְן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעט צְדָקָה פַאר אַ בֵּית הַתַּבְשִׁיל, וואו מֶען גֶעט צוּ עֶסְן פַאר אִידְן, אִיז דָאס דֶער גְרֶעסְטֶער זַאךְ, אוּן בִּפְרַט אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר אִיז מְחַזֵק אַנְדֶערֶע אִידְן אוּן עֶר מַאכְט זֵיי פְרֵיילִיךְ, אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע צְדָקָה פוּן דֶעם (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ק״ו). דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט (חַיֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן פב): אוֹיבּ אִיר וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט דָאס זַיין אַ טוֹבָה פַאר דִי וֶועלְט. וַוייל עֶס גֵייעֶן נֶעבֶּעךְ אַרוּם אָן אַ שִׁיעוּר אִידְן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן פוּן אַזוֹיפִיל צָרוֹת וָואס זֵיי מַאכְן מִיט, אוּן זֵיי זוּכְן אֵיינֶעם פַאר וֶועם זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ, אוּן וֶוען זֵיי זֶעהְן אַ פְרֵיילִיכְן מֶענְטְשׁ עֶפֶענֶען זֵיי זִיךְ אוֹיף, אוּן רֶעדְן זִיךְ אוֹיס דָאס גַאנְצֶע הַארְץ, אוּן אוֹיסְהֶערְן אַ אִיד אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן מג).

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: פוּן אַייךְ קֶענְט אִיר וִויסְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ בַּיי דִי וֶועלְט. דָאס הֵייסְט, מַה-דָאךְ אוּנְז וָואס אוּנְז הָאבְּן אַזֶעלְכֶע הַקְדָמוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת אוּן לִימוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פוּן דֶעסְטְוֶועגְן גֵייט אַזוֹיפִיל אִיבֶּער, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיין אַז אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, וָואס הָאבְּן נִישְׁט דִי לִימוּדִים וִויפִיל עֶס גֵייט אוֹיף זֵיי אִיבֶּער. אוּן דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין חַלִישׁוּת הַדַעַת.

[אַגַב, מֶען זֶעהְט אַז עֶס אִיז פַארְהַאן אֲפִילוּ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס פָארְן שׁוֹין אַסַאךְ יָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אוּן דָאךְ וַוארְפְּט זֵיי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַרַיין אִין אַ 'חַלִישׁוּת הַדַעַת' נִישְׁט צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן וָואס עֶס וֶועט זַיין מִיט אִים אַ גַאנְץ יָאר (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ח ע"א). וָואס לֵיידֶער הֶערְט מֶען נֶעבֶּעךְ צַאם, אַזַאלֶעכֶע צָרוֹת אוּן מִיתוֹת מְשׁוּנוֹת - רַחֲמָנָא לִצְלָן - וָואס כַאפְּט מַמָשׁ אַ שְׁרֶעק, אוּן אַלֶעס אִיז גֶעוָוארְן אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ

הַשָּׁנָה. אַזוֹי אוֹיךְ בַּאשְׁטוּמְט מֶען דֶעם בּוּדְשֶׁע״ט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, וִויפִיל פַּרְנָסָה עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גַאנְץ יָאר (בֵּיצָה טז ע״א). אוֹיךְ זָאגְן חֲזַ״ל (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יז ע״ב): רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָן אוֹיף אַ גַאנְצֶע יָאר וֶועלְכֶע מְדִינָה עֶס וֶועט הָאבְּן רֶעגְן אוּן וֶועלְכֶע נִישְׁט, נָאר אוֹיבּ מֶען הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶס זָאל נִישְׁט רֶעגֶענֶען אוּן מֶען הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן, קוּמְט דָאס בִּיסְל רֶעגְן אוֹיף דִי פֶּעלְדֶער, פּוּנְקְט דָארְט וִוי מֶען דַארְף דָאס, אוּן אוֹיבּ הָאט מֶען אָנְגֶעשְׁרִיבְּן רֶעגְן אוּן מֶען הָאט ווִידֶער גֶעשְׁפֶּענִיגְט, רֶעגֶענְט אוֹיף דִי בֶּערְג אוּן אוֹיף דִי מִדְבָּרִיוֹת וָואס דָארְט פֶּעלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, אוּן עֶס בְּלַייבְּט אַ טְרִיקֶענִישׁ רַחְמָנָא לִצְלָן.

מְמֵילָא מוּז מֶען גֵיין צוּ אַ גוּטְן לוֹיעֶ״ר וָואס זָאל אוּנְז פַּארְטְרֶעטְן, אוּן נִישְׁט קוּקֶען אוֹיף קֵיינֶעם - אוּן אוֹיף גָארְנִישְׁט. אַזוֹי וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ מִשְׁפָּט - אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ עֶס עֶרְוַוארְט אִים טוֹיט שְׁטְרָאף חַס וְשָׁלוֹם - קוּקְט עֶר נִישְׁט וָואס דִי וַוייבּ אָדֶער דִי קִינְדֶער זָאגְן, וַוייל עֶר ווִיל נָאךְ בְּלַייבְּן לֶעבְּן, אוּן עֶר פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ

רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּמְט פָאר דֶער גְרוֹיסֶער מִשְׁפָּט פוּן יֶעדְן אִיד, אוֹיף יֶעדְן אֵיינְצִיגְן זַאךְ, גֵייט מֶען צוּ דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶ"ר, עֶר זָאל אִים פַארְטְרֶעטְן.

דֶערְפַאר אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַזוֹי גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג-תד), אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט אוּנְז פַארֶעכְטְן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו): אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן רכ): "וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען". דַארְף מֶען זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן קוּמֶען. אַוַודַאי אִיז עֶס פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט בַּאקְוֶועם, אוּן עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ זַיין דָארְטְן, אוּן אוֹיךְ אִיז דָא שְׁוֶוערִיקֵייטְן פוּן שְׁטוּב, דַארְף מֶען דָאס אַלֵיין מַסְבִּיר זַיין, וִוי בִּיטֶער אוּן שְׁוֶוער עֶס קוּמְט אָן, אוּן מֶען פָארְט נִישְׁט פַאר הֲנָאָה אוּן פָּא"ן, נָאר צוּ פוּעֵלְ'ן אַ יְשׁוּעָה, וַוייל אֲפִילוּ הַיינְט מִיט אַלֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן, אִיז דָאס נָאךְ אַלְץ זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן אוּמְבַּא'טַעמְ'ט בְּגַשְׁמִיּוּת.

חַזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים ח ע"ב): פַארְוָואס הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער נִישְׁט בַּאשַׁאפְן דִי 'חַמֵי טְבֶרְיָא' - וָואס דָאס אִיז פֵיינֶע וַוארֶעמֶע גֶעזוּנְטֶע וַואסֶער - אִין יְרוּשָׁלַיִם? וַוייל אוֹיבּ וָואלְט דָאס גֶעוֶוען אִין יְרוּשָׁלַיִם, וָואלְט אַ מֶענְטְשׁ גֶעזָאגְט: מֶען גֵייט עוֹלֶה רֶגֶל זַיין דִי דְרֵיי יָמִים טוֹבִים אִין יְרוּשָׁלַיִם, וַוייל עֶס אִיז דָא פֵיינֶע בֶּעדֶער, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין דָארְט, נָאר אִין טְבֶרְיָא. אוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֶעקוּמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם נָאר וַוייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט גֵיין צוּם בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן בְּרֶענְגֶען אַ קָרְבָּן, אוּן תְּשׁוּבָה טוּהְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן כָאטְשִׁיג יְרוּשָׁלַיִם אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָנְגֶעפִילְט מִיט מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ה, מִשְׁנָה ה): **'מֵעוֹלָם לֹא אָמַר אָדָם צַר לִי הַמָקוֹם שֶׁאָלִין בִּירוּשָׁלַיִם'** קֵיינְמָאל הָאט זִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר וִויל נִישְׁט שְׁלָאפְן אִין יְרוּשָׁלַיִם וַוייל עֶס אִיז אִים עֶנְג. נָאר עֶס אִיז גֶעוֶוען פְּלַאץ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם. אָבֶּער דֶערְפוּן זֶעהְט מֶען אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אָנְלוֹיפֶענִישׁ פוּן אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן

וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען עוֹלֶה רֶגֶל זַיין, נָאר וָואס דֶען, עֶס אִיז גֶעוֶוען פְּלַאץ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶערֶעדְט. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, אִיז אוֹיךְ דָא אַ גְרוֹיסֶער אָנְלוֹיפֶענִישׁ פוּן אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיפְן תַּכְלִית, אִיז נִישְׁטָא קַיין מְנִיעָה.

מִיר גֶעפוּנֶען בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי מְרַגְּלִים (בַּמִּדְבָּר יג, כב): כָּלֵב בֶּן יְפוּנֶּה הָאט גֶעזֶעהְן אַז משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר יְהוֹשֻׁעַ: יָהּ יוֹשִׁיעֲךָ מֵעֲצַת מְרַגְּלִים, עֶר זָאל נִישְׁט גֶעכַאפְּט וֶוערְן מִיט דִי מְרַגְּלִים. הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט: וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת אִין חֶבְרוֹן, אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען (סוֹטָה לד ע״ב). פְּרֶעגְט דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (שְׁלַח קנח ע״ב) וְויאַזוֹי הָאט עֶר נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט, עֶס אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דָארְטְן דִי פִיר רִיזְן?! עֶנְטְפֶערְט דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ מִיט דֶעם לָשׁוֹן: מַאן דְאִיהוּ בְּדוֹחְקָא לָא מִסְתַּכֵּל מִידֵי, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה, אִין אַ עֶנְגְשַׁאפְט, קוּקְט עֶר נִישְׁט אוֹיף

גָארְנִישְׁט, וַוייל (סַנְהֶדְרִין ט ע״ב): **אָדָם קָרוֹב אֵצֶל עַצְמוֹ**, אַ מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּ זִיךְ, אוּן זוּכְט נָאר זַיין טוֹבָה. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט וָואסְפַּארַא פֶּעקְל עֶר הָאט, אוּן וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעטוּעֶן אַ גַאנְץ יָאר, קוּקְט עֶר שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן מו): דֶער עִיקָר מְנִיעָה אִיז מְנִיעַת הַמּוֹחַ. וָואס דָאס אִיז דֶער דִמְיוֹן, אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: וָואס וֶועלְן מֶענְטְשְׁן זָאגְן? וָואס וֶועלְן מַיינֶע חֲבֵירִים זָאגְן?! אָבֶּער אַז מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק, אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען.

מֶען דַארְף צוּ ווִיסְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארֶענְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל מְכַבֵּד זַיין זַיין וַוייבּ, אוּן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רס״ג-רס״ד). עֶס הָאט פַּאסִירְט אַמָאל אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיים

הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס טִישׁ אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעוֶועזְן צוּקְרִיגְט מִיט זַיין וַוייבּ, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זִיךְ אַ טְרֵייסְל גֶעגֶעבְּן אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: ״וֶוער הָאט אַ חוּצְפָּה אוּן אַ הֲעָזָה צוּ הָאבְּן אַ הִרְהוּר בַּיי מַיין טִישׁ״?! אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אִיז אַרַיין אִין זַיין שְׁטוּבּ. דָאס הֵייסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן אַז אֵיינֶער אִיז צוּקְרִיגְט מִיט זַיין וַוייבּ אִיז דָאס שׁוֹין אַ פְּגַם פוּן הִרְהוּרִים רָעִים. אוּן דֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַ מַחְלוֹקֶה מִיט זַיין וַוייבּ, הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט שׁוֹין מַאכְן שָׁלוֹם מִיט זַיין וַוייבּ וְכוּ׳. זֶעהְט מֶען אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא׳דִיג מַקְפִּיד גֶעוֶועזְן אוֹיף דֶעם.

וֶועגְן דֶעם אַז אַ יוּנְגֶערְמַאן אִיז אַ גַאנְץ יָאר אַ מֶענְטְשׁ, עֶר הֶעלְפְט אַרוֹיס זַיין וַוייבּ, אוּן אַלְץ גֵייט מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן מִיט אֵיידְלְקַייט, דֶעמָאלְטְס וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה הֶעלְפְט זִי אִים אַרוֹיס עֶר זָאל קֶענֶען פָּארְן, אָבֶּער אַז אַ יוּנְגֶערְמַאן אִיז אַ וִוילְדֶער מֶענְטְשׁ אַ גַאנְץ יָאר, אוּן טוּט וֵויי זַיין וַוייבּ, אוּן עֶר

אִיז קַארְג אִין שְׁטוּבּ וְכוּ׳, דֶעמָאלְטְס וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז זִי זִיךְ נוֹקֵם, אוּן זִי לָאזְט אִים נִישְׁט פָּארְן. אָבֶּער אַז עֶר הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר פָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן עֶר הָאט שָׁלוֹם בַּיִת, הָאט עֶר אַן אַנְדֶערֶע סָארְט שְׁטוּבּ.]

ג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קז): אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים כא, י): **כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ הַוַיָ״ה אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ.** אַז אַמָאל אִיז דָא אַ יֵצֶר הָרַע וָואס עֶר זָאגְט פַארְן מֶענְטְשׁ: הַוַיָ״ה אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ, דוּ הָאסְט שׁוֹין דֶעם בַּאשֶׁעפֶער בַּיי דִיר אִין דִי הַאנְט. וַוייל דוּ זֶעהְסְט דָאךְ אַז דוּ קֶענְסְט פּוֹעֵלְ׳ן יְשׁוּעוֹת, אַזוֹי וְוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוּאֵל-ב, כג ג. וְעַיֵּין מוֹעֵד קָטָן טז ע״ב): **צַדִּיק מוֹשֵׁל יִרְאַת אֱלֹקִים**, אוּן אַזוֹי בְּרֶענְגְט עֶר אִים אַריין גַדְלוּת, אוּן זָאגְט אִים: דוּ וֵוייסְט וֶוער דוּ בִּיזְט?! דוּ פַארְגֶעסְט נִישְׁט פוּן בַּאשֶׁעפֶער! דוּ בִּיזְט אַ בַּעַל מַדְרֵיגָה! דוּ פְלִיסְט שׁוֹין אִין הִימְל! אִיז דִי עֵצָה אוֹיף

דֶעם: וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ, כַאפּ אִים מִיט דֶעם וָואס עֶר ווִיל דִיךְ כַאפְּן, אוּן זָאג אִים: ווִיאַזוֹי ווִילְסְטוּ מִיר אַיינְרֶעדְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא מִיט מִיר, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֵיאוּת זָאגְט דָאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף אִים (סוֹטָה ה ע״א): **אֵין אֲנִי וְהוּא יְכוֹלִין לָדוּר בָּעוֹלָם**, דֶער בַּאשֶׁעפֶער קֶען נִישְׁט זַיין מִיט אִים צוּזַאמֶען.

וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג ווִיסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין 'אִיךְ', עֶס אִיז דָא נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א' סִימָן כ״ב): וואוּ עֶס שְׁטֵייט 'אֲנִי'–'אִיךְ', מֵיינְט דָאס דֶער נְשָׁמָה, וָואס דָאס אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער.

ד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב' סִימָן ע״ב): פוּן וואוּ וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר אִיז מְקוֹרָב צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִיק?! אוֹיבּ עֶס פַאלְט אַרוֹיף אוֹיף אִים אַ שִׁפְלוּת, אוּן עֶר פַאנְגְט אָן צוּ אַנֶערְקֶענֶען וֶוער עֶר

אִיז, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, און עֶר אִיז מְקוּרָב צוּ אַן אֱמֶתְ׳ן צַדִּיק.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן נא): דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פון מִיר, נִישְׁט זִיךְ צוּ לָאזְן נַארְן, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ. דָאס הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוֹיף וָואס עֶר טוּט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (זוֹהַר, פַּרְשַׁת וַיְחִי, רכ ע״א): דִי אַמָאלִיגֶע חֲסִידִים פְלֶעגְן יֶעדְן טָאג קוּקֶען אַז דָאס אִיז זֵייעֶר לֶעצְטֶער טָאג אִין לֶעבְּן און גֵייעֶן שׁוֹין אַוֶועקְגֵיין פון דֶער וֶועלְט, און זִיךְ גֶעמַאכְט אַ רִיכְטִיגְן חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּהְן. קוּמְט אוֹיס אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל, און מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, וָואס הָאבּ אִיךְ הַיינְט אוֹיפְגֶעטוּהְן? וֶוען בִּין אִיךְ הַיינְט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען? בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה? בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ? גֶעקוּשְׁט דִי מְזוּזָה בָּרוּךְ הַשֵּׁם! אָנְגֶעטוּהְן טַלִית און תְּפִילִין און גֶעדַאוֶונְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם! און אַזוֹי וַוייטֶער מַאכְט עֶר זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן אוֹיף אַ גַאנְצְן טָאג וָואס עֶר הָאט

גֶעטוּהְן, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, עֶר הָאט גֶעדַאוֶונְט שַׁחֲרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, אוּן גֶעזָאגְט קְדוּשָּׁה, בָּרְכוּ, אוּן אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא, זֶעהְט עֶר גְלַייךְ וואוּ עֶר הַאלְט אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן נָאכְדֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט עֶר לֶערְנְט אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, אַבִּיסְל גְמָרָא אוּן הֲלָכָה, אוּן אַזוֹי נָאךְ לְמוּדִים וְכוּ׳, אִיז עֶר אִיבֶּערְצַייגְט אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס אִין דִי הַאנְט, אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, אוּן עֶר אִיז בַּיי אַן אֱמֶתְ׳ן עֶרְלִיכְן אִיד, וָואס עֶר אִיז אִים דָאס אַלֶעס מְזַכֶּה, וַוייל נָאר דָאס וֶועט פוּן אִים בְּלַייבְּן, אוּן דָאס קֶען אִים קֵיינֶער נִישְׁט צוּנֶעמֶען, וֶועגְן דֶעם אֲפִילוּ מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין אִים, קוּקְט עֶר נִישְׁט אוֹיף דֶעם, וַוייל ׳דֶער צַדִּיק׳, אוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, אִיז אִים מְחַיֶּה אוּן מְחַזֵּק, אוּן גִיט אִים אַרַיין אַזַא הִתְחַזְקוּת אִין לֶעבְּן, וָואס עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט בִּיז יֶעצְט.

אָבֶּער אוֹיבּ עֶס גֵייט דוּרֶעךְ טָאג נָאךְ טָאג, וָואךְ נָאךְ וָואךְ, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, עֶר מַאכְט נִישְׁט אוֹיף קַיין מִשְׁנַיוֹת, קַיין גְמָרָא, אוּן עֶר גֶעט

נִישְׁט כָאטְשִׁיג אַפָּאר פְּרוּטוֹת פַאר צְדָקָה יֶעדְן טָאג, און עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי אַ מֶענְטְשׁ אִין שְׁטוּב, נָאר עֶר אִיז קַארְג, און זוּכְט נָאר צוּ גֶעוֶועלְטִיגְן, און גֵייט אַרוּם צוּבְּרָאכְן, נַארְט מֶען אִים גוּט אָפּ.

זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן און זִיךְ מְחַזֵק זַיין, און אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחְלוֹקֶת, און אִינְזִין הָאבְן נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און מֶען זָאל הָאבְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, און מֶען זָאל קֶענֶען פוֹעֵלְ׳ן אַ שְׁנַת גְאוּלָה וִישׁוּעָה.

~ תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם ~

בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַּׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶּער,
וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת וְויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא תשע"ב

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי,
דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט,
וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים
פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְּמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ג), בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיגְקֵייט אָבֶער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקֶר אֱמוּנָה; אוּן שְׁלֵימוּת אֱמוּנָה אִיז אַזוֹי וִוי קִינְדֶער אוּן פְּרוֹיעֶן גְלֵייבְּן אָן קַיין שׁוּם שֵׂכֶל, אֱמוּנָה אִיז הֵיפֶךְ הַשֵּׂכֶל, וָוארוּם אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט מִיטְן שֵׂכֶל אִיז עֶס שׁוֹין נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, אֱמוּנָה אִיז דֶער עִיקֶר אִידִישְׁקֵייט, מֶען דַארְף אַוֶועקְוַוארְפְן דֶעם אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל, אוּן גְלֵייבְּן אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּ אִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ אִים, אוּן מִיט דֶעם וֶוערְט נִתְגַלֶה אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה, וָוארוּם אֱמוּנָה מִיט תְּפִלָּה - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז') - גֵייט צֶעזַאמֶען. וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ אִים. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב) פַארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? וַוייל דִי אֱמוּנָה אִיז בַּיי אִים נִישְׁט גַאנְץ, וֶוען עֶר זָאל וֶוען הָאבְּן שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעדַארְפְט קֵיינֶעם הָאבְּן. נָאר וַוייל דִי אֱמוּנָה אִיז נִישְׁט שְׁטַארְק בַּיי אִים, קֶען עֶר נִישְׁט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

(אשר בנחל באידיש חלק א' מכתב מ"ד)

# אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה

## א.

**וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר הֲוָיָ"ה אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה וְכוּ'** (דְּבָרִים כו, א), זָאגְט דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ: וֶועגְן דֶעם כַאפְּט עֶר אָן דִי לָשׁוֹן: 'וְהָיָה' וָואס דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן 'שִׂמְחָה', וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע שִׂמְחָה, וִוי דָאס אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ וואוֹינֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ): אֵיינֶער וָואס וֵוייסְט וָואס אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז, אוּן עֶר הָאט בֶּאֱמֶת גֶעשְׁפִּירְט דֶעם טַעַם פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל,

דֶער קֶען דֶערְקֶענֶען אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַ צַדִיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיבּ דֶער צַדִיק אִיז אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אָדֶער אַ קְלֶענֶערֶער צַדִיק, אוּן אוֹיבּ עֶר אִיז אַ אֱמֶתְ׳ער צַדִיק אָדֶער נִישְׁט. אוּן אוֹיבּ עֶר אִיז בִּכְלַל אַ צַדִיק.

אוּן כְּדֵי צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דִי אַלֶע זַאכְן הָאבְּן צוּטוּהְן מִיט אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מַסְבִּיר (שָׁם): אַז דִי טַעַם פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קֶען מֶען נָאר אוֹיסְמָאלְן פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט שׁוֹין אַמָאל גֶעשְׁפִּירְט דֶעם טַעַם פוּן שֵׂכֶל, לְמָשָׁל: אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט, אוּן שְׁפִּירְט דֶעם טַעַם פוּן אַ פְּשַׁט אוּן אַ קַשְׁיָא, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דִי סֵדֶר פוּן לוֹמְדִים, אָדֶער עֶר פַארְשְׁטֵייט אִין אַנְדֶערֶע חָכְמוֹת; דֶער קֶען פַארְשְׁטֵיין דֶעם טַעַם פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וַוייל חֲזַ״ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא קנח ע״ב; זוֹהַר פִּנְחָס רמה ע״ב; וּבַתִּקּוּן כב): **אַוִירָא דְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מַחְכִּים**, דִי לוּפְט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מַאכְט קְלוּג; אוּן דֶער טַעַם פוּן חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל אִיז אַוַודַאי זֵייעֶר טֵייעֶר. אָבֶער אַן עַם הָאָרֶץ, קֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ע"א): עֶס אִיז דָא 'אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע מוֹחוֹת', אוּן עֶס אִיז דָא 'מוֹחוֹת פוּן חוּץ לָאָרֶץ'. אוּן דִי חִילוּק צְוִוישְׁן זֵיי, דַרְשְׁ'עֶנֶען חֲזַ"ל (סַנְהֶדְרִין כד ע"א): אוֹיפְן פָּסוּק (זְכַרְיָה יא, ז): **לְאַחַד קָרָאתִי נֹעַם וּלְאַחַד קָרָאתִי חֹבְלִים**, דִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מַאכְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן זִיס בַּיים לֶערְנֶען, אוּן דִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים פוּן חוּץ לָאָרֶץ קְרִיגְן זִיךְ אוּן שְׁלָאגְן זִיךְ בַּיים לֶערְנֶען. דָאס הֵייסְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט דֶער מֹחַ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שְׁפִּירְט עֶר אַ מוֹרָא'דִיגֶע זִיסְקֵייט, אוּן פַּארְקֶערְט אוֹיב הָאט עֶר אַ מֹחַ פוּן חוּץ לָאָרֶץ, שְׁפִּירְט עֶר אַ מוֹרָא'דִיגֶע בִּיטֶערְקֵייט.

וָואס הֵייסְט אַ מֹחַ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל? נָאר בַּיי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שְׁטֵייט (דְבָרִים יא, יב): **תָּמִיד עֵינֵי הֲוָיָ"ה אֱלֹקֶיךָ בָּהּ מֵרֵשִׁית הַשָּׁנָה וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה**, דָאס הֵייסְט, אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דִי הַשְׁגָּחָה אָפֶען, אוּן פוּן דָארְט גֵייט אַרוֹיס דִי הַשְׁגָּחָה אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דֶערְפַאר קוּמֶען אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת קוֹדֶם קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן

דורֶעךְ דִי זְכוּת פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קוּמְט עֶס אָן אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

מֶען זֶעהְט טַאקֶע אִין אַלֶע דוֹרוֹת, פוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה, אוּן עֶר הָאט אוּנְז אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֶענֶען דִי אִידְן אַ פָּאלְק פוּן נִיסִים; אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל פַּארְצֵיילְן (יוּמָא סט ע״ב): אַז נָאךְ דִי חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, וָואס עֶס אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף אִידְן מוֹרָא׳דִיגֶע צָרוֹת, הָאט מֶען נִישְׁט גֶעזָאגְט: הָאֵל הַגָּדוֹ״ל הַגִּבּוֹ״ר וְהַנוֹרָ״א, וַוייל אַז דִי גוֹיִם הַרְגֶ׳נֶען אוּן שֶׁחְטְ׳ן אִידְן, אוּן עֶס גֵייט אִיבֶּער אַזוֹיפִיל צָרוֹת, וואוּ אִיז דִי שְׁטַארְקֵייט אוּן דִי פָּארְכְטִיגְקֵייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער?! בִּיז עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי ׳אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְדוֹלָה׳ אוּן הָאבְּן צוּרִיק מְתַקֵן גֶעוֶוען דָאס צוּ זָאגְן, וַוייל אַז אֵיין שֶׁעפְּסֶעלֶע [דָאס אִידִישׁ פָּאלְק] קֶען זַיין צְוִוישְׁן זִיבֶּעצִיג וֶועלְף [דִי זִיבֶּעצִיג פֶעלְקֶער], אוּן זֵיי זָאלְן נָאךְ עֶקְזֶעסְטִירְן, דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן שְׁטַארְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי ווי מֶען הָאט לֵיידֶער גֶעזֶעהְן אִין אוּנְזֶערֶע צַייטְן, אַז דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם הָאבְּן גֶעוָואלְט אָפְּמֶעקְן, עֶס זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן קַיין זֵכֶר פוּן אִידִישְׁן פָאלְק חַס וְשָׁלוֹם, אוּן דֶערְוַוייל זֶענֶען דִי אִידְן צוּרִיק גֶעוַואקְסְן נָאכְאַמָאל בָּרוּךְ הַשֵׁם, אוּן הָאבְּן צוּרִיק אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט מִקְוָואוֹת אוּן בָּתֵּי מִדְרָשִׁים, תַּלְמוּד תּוֹרָה׳ס, מֵיידְל שׁוּלֶעס, כּוֹלְלִים, מִיט אַ אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַצְלָחָה בָּרוּךְ הַשֵׁם. אוּן וויפִיל דִי גוֹיִם פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְלֶענְדְן חַס וְשָׁלוֹם דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, גֵייט עֶס נִישְׁט, זֶעהְט מֶען בְּחוּשׁ אַז כְּלַל יִשְׂרָאֵל בַּאשְׁטֵייט פוּן אַ נֵס.

נָאר וָואס דֶען? דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קו, לה): וַיִּתְעָרְבוּ בַגּוֹיִם וַיִּלְמְדוּ מַעֲשֵׂיהֶם, אַז מֶען אִיז אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְווִישְׁן גוֹיִם, לֶערְנְט מֶען זִיךְ נֶעבֶּעךְ אָפּ פוּן זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים. וֶועגְן דֶעם קֶען מֶען דַן זַיין יֶעדֶע אִידִישׁ קִינְד לְכַף זְכוּת; וַוייל אִידְן ווילְן זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ, נָאר דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַּאלְטְשֶׁע מַנְהִיגִים [בִּפְרַט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל], וָואס זֵיי זֶענֶען דִי ׳עֵרֶב רַב׳, אוּן זֵיי נֶעמֶען ׳שׁוֹחַד׳, אוּן עֶס

פֶּעלְט זֵיי גָארְנִישְׁט; אוּן זֵיי פַּארְפִירְן דֶעם פָּאלְק רַחְמָנָא לִצְלָן אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (נָשׂא, קכה ע״ב). אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דִי גְמָרָא (שַׁבָּת קלט ע״א): אוֹיב מֶען זֶעהְט אַ דוֹר וָואס עֶס אִיז דָא נֶעבֶּעךְ אַסַאךְ צָרוֹת, זָאל מֶען נָאכְקוּקְן דִי דַיָינִים, וַוייל אַלֶע צָרוֹת אוּן שְׁלֶעכְטְס קוּמְט נָאר צוּלִיב זֵיי.

ב.

אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעשֶׁעמְט אוֹיסְצוּזָאגְן דֶעם אֱמֶת, אַז עֶר הָאט אַ תַּאֲוָה צוּ זַיין אַ מַנְהִיג. הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען בֶּענְטְשְׁן קַיין אֵיין בֶּענְטְשְׁן עֶרְלִיךְ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דוּ וֶועסְט אִינְזִינֶען הָאבְּן צוּ מַאכְן פַארְשִׁידֶענֶע פַּאקְןְסְן אוּן תְּנוּעוֹת כְּדֵי אַלֶע זָאלְן קוּקְן, אוּן עֶס זָאל זֵיי גֶעפֶעלְן, אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען טוּהְן קַיין שׁוּם עֲבוֹדָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן מ״ז).

דִי סֵדֶר בַּיי דִי רוּסִישֶׁע רֶבִּי׳ס אִיז גֶעוֶוען, אַז זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַן עֶקְסְטֶערֶע צִימֶער לֶעבְּן דָאס בֵּית

הַמִדְרָשׁ, וָואס דָארְט הָאבְּן זֵיי גֶעדַאוֶוענְט. הָאט מֶען אַמָאל דֶערְצֵיילְט פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ רֶבִּי וָואס הָאט אַזוֹי גֶעדַאוֶוענְט אִין זַיין צִימֶערְל, אוּן אַ קַאץ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ גֶערִיבְּן בַּיי דִי טִיר, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמֵיינְט אַז חֲסִידִים שְׁטוּפְּן זִיךְ, הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען דַאוֶוענֶען מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע כַּוָונָה אוּן מִיט פַּאקְסְן. הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַ שְׁמֵייכְל גֶעגֶעבְּן, אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: אַזוֹי! קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט פַארְן קַאץ (עַיֵין אַבְנֵיהָ בַּרְזֶל סִימָן יג).

בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער אֱמֶת; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַייט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט, אַז מֶען פְלֶעגְט אַרַיינְקוּמֶען צוּ אִים, אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען מִיטְן פָּנִים צוּם וַואנְט, אוּן יֶעדֶער הָאט גֶעזָאגְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּעֶן פוּן אַלְץ קִינְד בִּיז יֶעצְט, [וַוייל דוּרֶעכְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט זַאכְן וָואס עֶר הָאט שׁוֹין לַאנְג פַארְגֶעסְן], בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי הֶענְט אוּן גֶעוִויזְן: שׁוֹין גֶענוּג. נָאכְדֶעם אִיז דֶער

צְוֵוייטֶער דוּרֶעךְ, און אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַלֶעס אוֹיס פַּארְצֵיילְן מִיט אַ גֶעוֵויין, בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוּנְקֶען: גֶענוּג. אַמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט מֶער, אַמָאל וֵוייניגֶער, [דָאס אִיז דִי 'וִידּוּי דְבָרִים' וָואס וֶוערְט דֶערְמַאנְט אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד]. וַוייל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ וִוי שֶׁקֶר און אוֹיסְנַארְן וְכוּ', נָאר אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען מִיט אַן אֱמֶת.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיפְן גְרוֹיסְן גָאוֹן און לַמְדָן דֶער בַּעַל כּוֹכָב מִיַּעֲקֹב זַצַ"ל [טַאטֶע פוּנֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן דֶער טְשֶׁעבִּינֶער רָב זצ"ל פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל], אַז עֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי אַייזִיקְל זִידִיטְשׁוֹיבֶער זי"ע, מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם זִיךְ גֶעגַאנְגֶען גֶעזֶעגֶענֶען, און וִויבַּאלְד רֶבִּי יַעֲקֹב זַצַ"ל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, הָאט מֶען אִים גֶעגֶעבְּן אַ בֶּענְקְל צוּ זִיצְן, און עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעקוּקְט וִוי דֶער עוֹלָם גֵייט דוּרֶעךְ, און יֶעדֶער בֶּעהְט זַיין בַּקָשָׁה פוּנֶעם רֶבִּי'ן, און דֶער רֶבִּי וואוּנְטְשְׁט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם מִיטְן זֶעלְבְּן נוּסַח: "אַ

בְּרָכָה פוּן הִימְל״; [ווי בַּאוואוּסְט פְלֶעגְט עֶר אַלְץ אָנְוואוּנְטְשֶׁען מִיט דִי וֶוערְטֶער: ״אַ בְּרָכָה פוּן הִימְל״.] הָאט עֶר זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, אוּן מְהַרְהֵר גֶעוֶוען: גְלַייךְ וֶוען אֵיינֶער אִיז עֶפֶּעס מַזְכִּיר, וֵוייסְט עֶר שׁוֹין אַלֶעס וָואס יֶענֶער גֵייט דוּרֶעךְ? אוּן עֶר וואוּנְטְשְׁט שׁוֹין אַ בְּרָכָה פוּן הִימְל?! ווִי נָאר עֶר טְרַאכְט דָאס אַזוֹי צוּ זִיךְ, גֶעט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיקְל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַ דְרֵיי אוֹיס, אוּן רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אִים: אוּן וָואס אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס חַזַ״ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יח ע״א): **וְכֻלָּן נִסְקָרִין בִּסְקִירָה אַחַת**, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט אַלֶעס אוֹיף אֵיין מָאל?! הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז עֶר כַאפְּט אוֹיף זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אוֹיךְ, הָאט עֶר שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען אַז צַדִיקִים זֶעעֶן אוּן וֵוייסְן אַלֶעס.

## ג.

אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס סְפָרִים שְׁטֵייט אַסַאךְ מָאל: **צַדִיק אֱמֶת**. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע, אוֹיבּ אִיז עֶר אַ צַדִיק, מוּז עֶר דָאךְ הָאבְּן אֱמֶת? אוּן אוֹיבּ הָאט עֶר

אֱמֶת, מוּז עֶר דָאךְ זַיין אַ צַדִיק?! נָאר זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם, אַז מֶען קֶען זַיין אַ צַדִיק, אָבֶּער עֶס פֶעלְט נָאךְ אִינֶעם אֱמֶת; דָאס הֵייסְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ג): דֶעם זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (לֶךְ לְךָ צג ע"א): אַז יֶעדֶער אִיד וָואס אִיז גֶע'מַלֶ'עט, וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ צַדִיק; מְמֵילָא קֶען מֶען זַיין אַ צַדִיק, וַוייל מֶען אִיז גֶע'מַלֶ'עט, אוּן מֶען אִיז נִזְהָר גֶעוֶוען נִישְׁט פּוֹגֵם צוּ זַיין דֶעם בְּרִית חַס וְשָׁלוֹם, אָבֶּער 'אֱמֶת' אִיז שׁוֹין גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ. אוּן בַּיים הֵיילִיגֶער רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִנְיָן פוּן אֱמֶת, וָואס דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת' - רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וָואס צוּ דֶעם מוּז מֶען הָאבְּן אִין זִיךְ אֱמֶת.

וַוייל בַּיי יֶעדֶע זַאךְ קֶען מֶען הָאבְּן שְׁקָרִים אוּן פְּנִיוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ו): אַז דֶער שְׁלֵימוּת אִיז, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֶענֶען דַאוֶוענֶען צְוִוישְׁן טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶס זָאל נִישְׁט מַאכְן אוֹיף אִים קַיין שׁוּם רוֹשֶׁם, אוּן עֶס זָאל זַיין בַּיי אִים אַזוֹי וִוי עֶר דַאוֶוענְט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ וֶוען קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט; אוּן וֶוען עֶר

דַאוֶוענְט אִין שְׁטוּב, זָאל דָאס זַיין בַּיי אִים אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט גֶעדַאוֶוענְט צְווִישְׁן טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶס מַאכְט בַּיי אִים גָארְנִישְׁט אוֹיס, עֶר זֶעהְט נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן פַאר זִיךְ, דָאס אִיז דֶער שְׁלֵימוּת הָאֱמֶת, אַז עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט צוּ מֶען קוּקְט אוֹיף אִים צוּ נִישְׁט, אָבֶער דִי טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַז וֶוען עֶר דַאוֶוענְט צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ דַאוֶוענֶען מִיט אַן אֱמֶת, אוּן עֶר מַאכְט פַארְשִׁידֶענֶע תְּנוּעוֹת וְכוּ'.

וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אוּן גֶעגֶעבְּן דֶעם וֶועג, אַז דֶער עִיקָר אִיז: שִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, אַ מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער; וָואס צוּ דֶעם מוּז מֶען הָאבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגְן אֱמֶת, וַוייל אַז קֵיינֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ עֶר אִיז, אוּן וָואס עֶר טוּט, אִיז דָאס שׁוֹין אֱמֶת; אוּן עֶר גֵייט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אוּן גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער, מִמֵילָא אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ עֶר זָאל זָאגְן לִיגְנְט, וַוייל פַאר וֶועם זָאל עֶר זָאגְן לִיגְנְט, אוּן אוֹיב

הָאט עֶר אַ נִסָיוֹן צוּ פָּאפְּן, זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן צוּ זָאגְן זַיינֶע אֵייגֶענֶע שְׁבָחִים פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ בִּין אַזוֹי גְרוֹיס, אִיךְ בִּין אַ בַּעַל רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אִיךְ בִּין אַ נָבִיא, אִיךְ זֶעה זַאכְן וְכוּ׳, וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען אַפָּאר מִינוּט אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אַלֵיין אָנְהֵייבְּן צוּ שֶׁעמֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! פַאר וֶועם מַאךְ אִיךְ זִיךְ מְשׁוּגָע דָא? דִיר פָּאפּ אִיךְ? אִיךְ קֶען דֶען בַּאהַאלְטְן פוּן דִיר וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּעֶן?! אוּן מֶען וֶועט זִיךְ אַלֵיינְס כַאפְּן דֶעם שֶׁקֶר אִין וָואס מֶען לִיגְט, דָאס אִיז דִי מַעֲלָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז דָאס אִיז מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגְן אֱמֶת.

דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ״א בְּרֶענְגְט (מִדְבַּר קְדֵמוֹת ה, יג): אַ רֶמֶז אוֹיפְן פָּסוּק (וַיִקְרָא טז, ד): **׳בַּד׳ - קֹדֶשׁ יִלְבָּשׁ**, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז אָפְּגֶעשֵׁיידְט, אוּן עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דָאס הֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּ״ת, אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע אֱמֶת פוּן דֶעם, אוּן עֶר בַּאקוּמְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע קְדוּשָׁה; וַוייל סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר מוּזְן אוֹיסְזָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּעֶן, אוּן עֶר וֶועט אָנְהֵייבְּן צוּ זֶעהְן: וֶוער עֶר אִיז,

און ווי אַזוֹי עֶר זֶעהְט אוֹיס וְכוּ׳, בְּמֵילָא בַּאקוּמְט עֶר אַן אַנְדֶערְן סָארְט אֱמֶת.

ד.

אָבֶּער כְּדֵי אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֶענֶען רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶּער, מוּז עֶר הָאבְּן אֱמוּנָה; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס״ב): פַארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם בַּאשֶׁעפֶּער? ווייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, וַוייל אַז עֶר זָאל וֶוען הָאבְּן דִי קְלָארֶע און לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער שְׁטֵייט דָא מִיט אִים, בַּיי אִים, לֶעבְּן אִים, און עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר דַאוֶונְט, וָואלְט עֶר אַנְדֶערְשׁ גֶעדַאוֶונְט, און עֶר וָואלְט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט בְּגַשְׁמִיּוּת אַז צְוֵויי חֲבֵרִים קֶענֶען שְׁמוּעֶסְן צוּזַאמֶען אַ פֶערְטְל שָׁעָה, אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה וְכוּ׳, און קֶענֶען אַזוֹי אָפְּשְׁמוּעֶסְן צְוֵויי דְרֵיי שָׁעָה, און רֶעדְן סְתָּם נַארִישְׁקֵייטְן, וָואס עֶס קוּמְט אֲפִילוּ נִישְׁט אַרוֹיס דֶערְפוּן קַיין שׁוּם נִיצְן, אִיז דָאס נָאר וַוייל אֵיינֶער

זֶעהְט דֶעם אַנְדֶערְן, און וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, קוּמְט דָאס אָן אַזוֹי בִּיטֶער שְׁוֶוער, וַוייל דִי אֱמוּנָה אִיז בַּיי אִים נִישְׁט גֶענוּג שְׁטַארְק, און עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקנח): דִי שְׁוֶוערְסְטֶע עֲבוֹדָה פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם וָואס דָאס אִיז 'תְּפִלָּה', אִיז נָאךְ אַלְץ גְרִינְגֶער וִוי זִיךְ פְּלָאגְן פַאר פַּרְנָסָה; וַוייל צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַפָּאר דִיבּוּרִים, אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע עֲבוֹדָה, און עֶס קוּמְט אָן פַאר אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁוֶוער, און דָאךְ אִיז דָאס נָאךְ גְרִינְגֶער וִוי אַרְבֶּעטְן. וַוייל מֶען זֶעהְט וִוי שְׁוֶוער און וִויפִיל פְּלָאג אַ מֶענְטְשׁ לֵייגְט אַרַיין אִין זַיין פַּרְנָסָה, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי עֶרְקְלֶערְט דָאס מִיטְן מְצִיאוּת פוּן אַמָאלִיגֶע צַייטְן: אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעוָואלְט פָארְן צוּם יְרִיד צוּ פַארְקוֹיפְן זַיין סְחוֹרָה, הָאט עֶר שׁוֹין גְלַייךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת גֶעדַארְפְט פַארְשַׁאפְן אַ וָואגְן, און נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעיָאגְט אָנְצוּלָאדֶענֶען דִי סְחוֹרָה אוֹיפְן וָואגְן, און אַ גַאנְצֶע נַאכְט אִיז עֶר גֶעפָארְן, און נִישְׁט גֶעקֶענְט

שְׁלָאפְן, אוּן זִיךְ צֻאמְגֶעבְּרָאכְן דֶעם גַאנְצְן קֶערְפֶּער וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעהֶערִיגְן פְּלַאץ צוּ זִיצְן, פוּן דִי פוּל סְחוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיפְן וָואגְן.

אוּן אַזוֹי נָאךְ פִּיל אָפְּמוּטְשֶׁענִישְׁן, אִיז עֶר אִיז עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען 'מָאנְטִיג' צוּם מַארְק טָאג, אוּן דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר גֶעדַארְפְט אָנְהֵייבְּן אַרָאפּ צוּ פַּאקְן דִי סְחוֹרָה, אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין אַגַאנְצְן טָאג אוֹיף דִי פִּיס וְכוּ', אוּן זוּמֶער אִיז אִים גֶעוֶוען הֵייס, אוּן וִוינְטֶער אִיז אִים גֶעוֶוען בִּיטֶער קַאלְט, אוּן דִי אַלֶע שְׁוֶועֶרֶע מַאטֶערְנִישְׁן אִיז נָאר גֶעוֶוען פַאר אַ סָפֵק אַז עֶר וֶועט פַארְדִינֶען עֶפֶּעס רֶוַח, וַוייל אוֹיבּ קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט קוֹיפְן בַּיי זַיין בּוּדְקֶע, מוּז עֶר נֶעמֶען אַלֶע סְחוֹרָה אוּן עֶס צוּרִיק אַיינְפַּאקְן אִין דִי זֶעק, אוּן נִישְׁט נָאר אַז עֶר הָאט נִישְׁט פַארְדִינְט, נָאר עֶר הָאט נָאךְ דֶערְלֵייגְט אוֹיךְ, אוּן דִי גַאנְצֶע כֹּחַ אוּן הָארֶעוַואנְיֶע אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען לְאִיבּוּד; אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, כָאטְשִׁיג עֶס קוּמְט אִים אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ עֶפֶענֶען

זַיין מוֹיל אוּן רֶעדְן, [אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן דֶעם], אָבֶּער אוֹיבּ אִיז עֶר זוֹכֶה אוּן עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר אַ זִיכֶערֶער פַּארְדִינְסְט, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּלַייבְּן אוּן צוּנוּץ קוּמֶען אוֹיף אֵייבִּיג.

נָאר פַּארְוָואס דֶען רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם בַּאשֶׁעפֶער? וַוייל דִי אֱמוּנָה אִיז בַּיי אִים נִישְׁט גַאנְץ. כָּאטְשִׁיג יֶעדֶער אִיד הָאט אֱמוּנָה, וָואס דָאס אִיז זַיין נְשָׁמָה, אַזוֹי וַוייט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן רעד): אֲפִילוּ דִי גְרֶעסְטֶע אֲפִּיקוֹרְסִים אוּן רְשָׁעִים וָואס זֵיי הָארֶעוֶועֶן אוּן פְּלָאגְן זִיךְ לַאנְגֶע יָארְן, אַרוֹיסְצוּרַייסְן פוּן זִיךְ דִי אֱמוּנָה, גֵייט דָאס זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט, וַוייל וֶוען עֶר קוּמְט שׁוֹין צוּ דִי הַשָּׂגָה אַז עֶר אִיז חַס וְשָׁלוֹם גֶערֶעכְט, גֶעבְּט אִים דִי נְשָׁמָה פְּלוּצְלִינְג אַ וֶועק אוֹיף: אֶפְשָׁר אִיז דָאךְ דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים?! אוּן דֶער גַאנְצֶער בִּנְיָן וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, פַּאלְט צוּזַאם. אוּן אַזוֹי שְׁלָאגְט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוּן פְּרוּבִּירְט אוֹיפְצוּקוּמֶען אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל חָלִילָה קֶעגְן דִי

אֱמוּנָה, פְּלוּצְלִינְג זֶעהְט עֶר אַ אִיד מִיט אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, מִיט צִיצִית, אוּן דָאס דֶערְמַאנְט אִים אַז עֶס אִיז יָא דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, פַּאלְט נָאכְאַמָאל צוּזַאם זַיין גַאנְצֶער טֶעאָרִיֶע, [וֶועגְן דֶעם בְּרֶענְט דָאס זֵיי אַזוֹי וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ פְרוּמֶען אִיד, וַוייל דָאס דֶערְמַאנְט זֵיי אַז עֶס אִיז יָא דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער], פִּירְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיס: אַז אוֹיב קוּמְט עֶר יָא צוּ אַ גֶעהֶערִיגֶע כְּפִירָה רַחְמָנָא לִצְלָן, דֶעמָאלְטְס שְׁטַארְבְּט עֶר גְלַייךְ, אוּן דֶעמָאלְטְס זֶעהְט עֶר דֶעם אֱמֶת.

קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אֱמוּנָה; נָאר כְּדֵי זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן קֶענֶען רֶעדְן צוּ אִים, דַארְף מֶען הָאבְּן אַ מוֹרָא׳דִיגֶע קְלָארֶע אוּן לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, וָואס צוּ דֶעם קֶען מֶען אוֹיךְ נָאר זוֹכֶה זַיין, אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רעא): עֶס אִיז דָא זַאכְן וָואס אִיז תָּלוּי אֵיינְס אִין דִי אַנְדֶערֶע, אוּן מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ עֶס אִיז דֶער

אָנְפַאנְג. לְמָשָׁל: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל זַיין פְרֵיילֶעך (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן כד), אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְש קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילֶעך, וַוייל עֶר הָאט נֶעבֶּעך אַ פֶּעקְל צָרוֹת, דַארְף עֶר בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה; עֶר קֶען אָבֶּער נִישְׁט בֶּעטְן, וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט גֶענוּג שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה, אַז עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא; אוֹיב אַזוֹי וואוּ זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן?! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת שַׁבָּת, הֲלָכָה ו): אַז דִי עֵצָה אִיז, אַז פוּן דִי שְׁוַואכֶע אֱמוּנָה מַאכְט מֶען אַ תְּפִלָּה, אוּן מֶען בּוֹיעֶט צוּרִיק אוֹיף דִי אֱמוּנָה; דָאס הֵייסְט מֶען הֵייבְּט אָן צוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם אַלֵיין: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! מַיין אֱמוּנָה אִיז נִישְׁט גַאנְץ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטֶערְקֶערֶע אֱמוּנָה, אוּן אִיךְ זָאל קֶענֶען רֶעדְן צוּ דִיר.

אוּן פוּן וואוּ קוּמְט אַז אַ מֶענְטְש אִיז נִישְׁט שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה? נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ל"א): אַז עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, כט): **וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ**, כְּדֵי צוּ הָאבְּן 'אֱמוּנָה', דַארְף מֶען הָאבְּן 'תִּיקּוּן הַבְּרִית'; אוּן אוֹיב נִישְׁט אִיז דִי

אֱמוּנָה נִישְׁט גַאנְץ. און וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּהְן אַז עֶר אִיז יָא פָּגוּם און עֶר וִויל הָאבְּן אֱמוּנָה? דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם אַלֵיין בֶּעטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ 'קְדוּשָׁה וּטָהֳרָה'. וַוייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן דָאס וָואס טוּט אִים וֵויי.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, און זִיךְ אוֹיסְגֶעוֶעדְט פַאר אִים, אַז עֶר בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף רוּחָנִיוּת, און עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, פְרֶעגְט אִים רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: גַשְׁמִיוּת הָאסְטוּ שׁוֹין? הָאסְט פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח?! עֶנְטְפֶערְט עֶר: נֵיין, דָאס אַוַודַאי נִישְׁט! זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: דוּ בֶּעט נָאר אוֹיף גַשְׁמִיוּת, און נִישְׁט אוֹיף רוּחָנִיוּת; וַוייל גַשְׁמִיוּת שְׁפִּירְסְטוּ; אַז דוּ בִּיזְט שׁוּלְדִיג חוֹבוֹת, און דִי בַּעֲלֵי חוֹבוֹת לוֹיפְן דִיךְ נָאךְ וְכוּ', און עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער. אָבֶּער אוֹיף רוּחָנִיוּת הַאלְטְסְטוּ דָאךְ נִישְׁט דֶערְבֵּיי, וֶועגְן דֶעם זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה וָואס דָאס דְרִיקְט דִיךְ, מִמֵילָא וֶועט זִיךְ צוּם סוֹף

עֶפֶּענֶען דַיין הַארְץ, און דו וֶועסְט שׁוֹין קֶענֶען בֶּעטְן אַלֶעס וָואס עֶס פֶּעלְט דִיר. קוּמְט אוֹיס אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף בֶּעטְן אוֹיף דֶעם וָואס עֶס פֶּעלְט אִים, און וָואס עֶס דְרִיקְט אִים בֶּאֱמֶת. און אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז עֶס פֶּעלְט אִים אֱמוּנָה, זָאל עֶר דָאס בֶּעטְן, דָאס אִיז דֶער אֱמֶת פון הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

דָאס וָוארְט ׳אֱ׳מֶת׳ מֵיינְט אֵיין זַאך: אֶ׳הְיֶה מֵ׳ת, אִיך וֶועל זַיין אַ נִפְטָר; וַוייל דָאס אִיז זִיכֶער, אַז מֶען וֶועט אַמָאל אַרוֹיסְגֵיין פון דֶער וֶועלְט, און אַ מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט זִיךְ דָאס אַרַיין אִין קָאפּ, דֶער הַאלְט בַּיים אֱמֶת. אַזוֹי ווִי חַזַ״ל פַּארְצֵיילְן (שַׁבָּת קנג ע״ב): רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעזָאגְט: שׁוּב יוֹם אֶחָד לִפְנֵי מִיתָתְךָ, אַ מֶענְטְשׁ זָאל תְּשׁוּבָה טוּהְן אֵיין טָאג פַּאר עֶר וֶוערְט נִפְטָר. הָאבְּן אִים דִי תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט: פון וואו וַוייסְט מֶען וֶוען דָאס אִיז? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: זָאל עֶר הַיינְט תְּשׁוּבָה טוּהְן וַוייל אֶפְשָׁר וֶועט עֶר מָארְגְן שְׁטַארְבְּן. וֶועגְן דֶעם אִיז דָאס אַ אַנְדֶערֶער סָארְט אֱמֶת.

## ה.

דָאס זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן מ): אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט טוֹעֵם גֶעוֶוען דִי טַעַם פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס דָאס מֵיינְט אַז עֶר הָאט דִי רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה, וַוייל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז אֱמוּנָה אוּן הַשְׁגָחָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְבָרִים יא, יב): **תָּמִיד עֵינֵי הֲוָיָ"ה אֱלֹקֶיךָ בָּהּ מֵרֵשִׁית הַשָּׁנָה וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה**, אוּן אַז אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה, דֶעמָאלְטְס מַאכְט מֶען זִיךְ זִיס אֵיינֶער פַארְן אַנְדֶערְן, אוּן מֶען פְּרָאבִּירְט מִיט וָואס מֶען קֶען אַרוֹיס הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד, וַוייל אַז עֶר הָאט אֱמוּנָה, פַארְגִינְט עֶר אַז עֶס זָאל פַאר נָאךְ אַ אִיד גֵיין גוּט, אוּן עֶס גֵייט אִים אִין לֶעבְּן אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה.

אָבֶּער אַז מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי אֱמוּנָה, וָואס דָאס אִיז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; דֶעמָאלְטְס אֲפִילוּ מֶען קֶען לֶערְנֶען אוּן מֶען אִיז אַ תַּלְמִיד חָכָם, דָאךְ זוּכְט מֶען נָאר, וואו מֶען קֶען אוּנְטֶער לֵייגְן אַ פוּס פַאר אַ צְוֵוייטְן עֶר זָאל פַאלְן.

חֲזַ״ל זָאגְן (בַּמִדְבָּר רַבָּה יג, כ): **אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ לֶעכְט, וָואס קֶען אָנְצִינְדְן אָן אַ שִׁיעוּר לֶעכְט, אוּן פוּן אִים פֶעלְט גָארְנִישְׁט.** וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, פַארְוָואס זָאל עֶר נִישְׁט קֶענֶען בַּאשְׁטֵיין צוּ אָנְצִינְדְן נָאךְ לֶעכְט; וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת, אַזוֹי וְוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי כ, כז): **נֵר הֲוָיָ״ה נִשְׁמַת אָדָם**, יֶעדֶע נְשָׁמָה אִיז אַ לֶעכְט. אָבֶער יְהוֹשֻׁעַ הָאט דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, וֶועגְן דֶעם אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אִים דֶערְצֵיילְט (בַּמִדְבָּר יא, כז): **אֶלְדָד וּמֵידָד מִתְנַבְּאִים בַּמַּחֲנֶה**, אֶלְדָד אוּן מֵידָד זָאגְן אוֹיךְ נְבִיאוּת; הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִים גֶעזָאגְט (שָׁם, כט): **הַמְקַנֵּא אַתָּה לִי? נֶעמְסְט דִיךְ אָן פַאר מַיין כָּבוֹד?! אַדְּרַבָּה! זָאלְן אַלֶע זַיין נְבִיאִים!**

זֶעהְט מֶען פוּן דָא אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער רֶבִּי פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, הָאט עֶר יֶעדְן גֶעוָואלְט אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ זַיין מַדְרֵגָה, אוּן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי וְוי עֶר שְׁפִּירְט דֶעם

בַּאשֶׁעפֶּער. אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַנֵא דֶעם צְוֵוייטְן, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט בַּיים שְׁלֵימוּת.

[אָבֶער דִי טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַז עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן, אוּן דִי מַחֲלָה פוּן קִנְאָה הָאט מֶען שׁוֹין פוּן וֶוען מֶען וֶוערְט גֶעבּוֹירְן, אוּן דָאס בְּלַייבְּט מִיטְן מֶענְטְשׁ בִּיז עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אוֹיב מֶען רַייסְט דָאס נִישְׁט אוֹיס. אוּן וֶוער עֶס הָאט קִנְאָה, וֶוערְן זַיינֶע בֵּיינֶער פַּארְפוֹילְט (שַׁבָּת קנב ע״ב). אוּן דָאס אִיז נָאךְ וֶוען עֶר לֶעבְּט, וַוייל דִי קִנְאָה עֶסְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס פַּיינִיגְט אִים גֶעפֶּערְלִיךְ. בְּשַׁעַת יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַזוֹיפִיל גוּטְס, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיין נְקוּדָה אוּן זַיינֶע מַעֲלוֹת וָואס אַן אַנְדֶערֶער קֶען דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן לד): יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נְקוּדָה, וָואס דֶער צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט, אוּן קֶען נִישְׁט הָאבְּן, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (תַּעֲנִית כא ע״ב), בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן אַבָּא אוּמְנָא. אוּן בִּכְלַל דַארְף מֶען וִויסְן אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ

הָאט זִיךְ זַיין פֶּעקְל צָרוֹת, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא וֶועמֶען מְקַנֵא צוּ זַיין.]

וֶועגְן דֶעם וֶוער עֶס הָאט דִי רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן עֶר אִיז מְקַיֵים יֶעדֶע שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַזַא מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט שׁוֹין וֶוען עֶר טְרֶעפְט אַן אַנְדֶערְן, וואו יֶענֶער אִיז גֶעוֶוען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן צוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אַ גוּט פְּלַאץ; דוּרֶעכְדֶעם וָואס עֶר זֶעהְט זַיין אוֹיפְפִירוּנְג, צוּ עֶר הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה כְּסִדְרָן (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן עו), אוּן יֶעדֶע שִׂיחָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז בַּיי אִים טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב, דֶעמָאלְטְס אִיז עֶר גֶעוֶוען אוֹיף אַ גוּט פְּלַאץ, אָבֶּער פַארְקֶערְט אוֹיבּ הֵייבְּט עֶר אָן חַס וְשָׁלוֹם צוּ שְׁפֶּעטְן אוּן מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן דִי אַלֶע זַאכְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ שׁוֹין אַלֵיין אוֹיף וָואסְפַארַא פְּלַאץ עֶר אִיז גֶעוֶוען.

וֶועגְן דֶעם זָאגְט דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָדוֹשׁ, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע שִׂמְחָה, ווִי צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; וַוייל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז אֱמוּנָה, אוּן עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע שִׂמְחָה ווִי דָאס אַז אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

ו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א): וֶוען מֶען קוּמְט צוּם צַדִיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוערְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה, וַוייל דוּרֶעכְן צַדִיק הֵייבְּט מֶען זִיךְ אָן לִיבּ צוּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט (זוֹהַר נָשֹׂא קכח, ע"א): 'אֲנָן בְּחַבִיבוּתָא תַּלְיָא מִילְתָא', אוּנְזֶער גַאנְצֶע זַאךְ וֶוענְדְט זִיךְ אִין לִיבְּשַׁאפְט. הָאבְּן אוּנְזֶערֶע לַייט גֶעזָאגְט: 'אֲנָ"ן' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: אַ'נְשֵׁי נַ'חַל נ'וֹבֵעַ, דָאס הֵייסְט, כְּדֵי צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ הָאבְּן. אוּן דָאס גֶעשֶׁעהְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען אַלֶע מֶענְטְשְׁן, מִיט

זֵייעֶר אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל, קוּמֶען צוּם צַדִיק וָואס עֶר אִיז דִי 'שֵׂכֶל הַכּוֹלֵל', מְמֵילָא גֵייט יֶעדֶענְ'ס בַּאזוּנְדֶערֶע שֵׂכֶל אַרַיין אִינֶעם גְרוֹיסְן שֵׂכֶל פוּנֶעם צַדִיק, מְמֵילָא הֵייבְּט מֶען זִיךְ שׁוֹין אָן לִיבּ צוּ הָאבְּן, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה.

וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען זֶעהְן צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער טָאג וָואס מֶען אִיז דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, אוֹיף פַּרְנָסָה, אוּן זִיווּגִים וְכוּ', דַארְף מֶען אָבֶּער וִויסְן אַז מֶען קוּמְט נָאר צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, צוּ פּוֹעֵלְ'ן אַ יְשׁוּעָה, פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּהְן רֶבִּי יִצְחָק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְסְטוּ זַיין בַּיים צִיוּן, אוּן אוֹיבּ וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען צוּ גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, דֶעמָאלְטְס פוּן וואוּ דוּ זֶעהְסְט נָאר דֶעם צִיוּן, אֲפִילוּ פוּן מַארְק, זָאלְסְטוּ זִיךְ

דָארְט אַוֶועק שְׁטֶעלְן און זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי. [און אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, עֶס אִיז גֶעוֶוען צַייטְן וָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּמֶען צוּלִיבּ דִי בִּיטֶערֶע מַחְלוֹקֶת.] וֶועגְן דֶעם טָאר מֶען נִישְׁט הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אֲפִילוּ מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען בִּיז דֶעם קֶבֶר, צוּלִיבּ דֶעם גְרוֹיסְן עוֹלָם, נָאר מֶען זָאל וִויסְן אַז וואוּ מֶען שְׁטֵייט, אִיז מֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן.

עֶס אִיז דָא אַ בַּאוואוּסְטֶע מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי דָוִד'ל לֶעלוּבֶּער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז עֶר אִיז אַמָאל גֶעפָאהרְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת, אָבֶּער דֶער וֶועג הָאט זִיךְ פַארְצוֹיגְן, און עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז צוּ אַ דָארְף לֶעבְּן לוּבְּלִין, און עֶר אִיז נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן פוּן לוּבְּלִין, קוֹדֶם הָאט עֶר גֶעהַאט דֶערְפוּן מוֹרָא'דִיגֶע חֲלִישׁוּת הַדַעַת, נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מְחַזֵק צוּ זַיין, און עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶע'מָשְׁלְ'ט אַז עֶס אִיז דָא בַּיים רֶבִּי'ן אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן, אַז דֶער טִישׁ פוּן

רֶבִּי'ן צִיעֶט זִיךְ פוּן לוּבְּלִין בִּיז צוּ דֶעם דָארְף, אוּן ווִיבַּאלְד עֶר אִיז דֶער קְלֶענְסְטֶער תַּלְמִיד זִיצְט עֶר אוּנְטְן, אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶועןאַז עֶר אִיז בַּיים רֶבִּינְ'ס טִישׁ.

נָאךְ שַׁבָּת וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין לוּבְּלִין, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה גֶעפְרֶעגְט: דָוִד! גֶעדֶענְקְסְט דִי תּוֹרָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט?! אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דָוִד'ל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים נָאכְגֶעזָאגְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה. וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנַת חֲכָמִים, הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דִי תּוֹרָה בִּיז אַהִין. וֶוען מֶען הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ, אוּן עֶר הָאט דָאס בַּאוואוּנְדֶערְט.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זֶעהְן, מֶען זָאל זִיךְ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט קְרִיגְן אוּן טַעֲנֶה'ן, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: דִי

אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶערֶעדְט אוּן זִיךְ גֶע׳טַעֲנֶה׳ט הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן.

אוֹיךְ דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹיגְן, אוּן פוּן וֶוען מֶען קוּמְט אָן אִין עֶרֶעפָּארְ״ט, דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמִים, אוּן שׁוֹין בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר זָאל אוּנְז הִיטְן דִי אוֹיגְן, אוּן וֶוען מֶען קוּמְט אָן דָארְטְן, זָאל מֶען זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן דִי אוֹיגְן אוּן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן אִין עֶרְגֶעץ, נָאר אִין דִי פָּאר גַאסְן אַרוּם דֶעם צִיוּן, אוּן נִישְׁט גֵיין אַייְנְקוֹיפְן בַּיי דִי שְׁמוּצִיגֶע אוּקְרֵיינִישֶׁע-רוּסִישֶׁע גוֹיִם, זֵייעֶרֶע שְׁמַאטֶעס אוּן לַייזִיגֶע קוּטְשְׁמֶעס, וָואס דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן קֶען מֶען דָאהִי אוֹיךְ קוֹיפְן, אוּן נִישְׁט וֶועגְן דֶעם אִיז מֶען גֶעקוּמֶען מִיט אַזַא מְסִירַת נֶפֶשׁ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן יֶעדֶער זָאל פּוֹעֵלְ׳ן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר פַאר זִיךְ אוּן נָאכְדֶעם פַארְן כְּלַל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דָאס יָאר

זָאל זַיין: תְּ'הֵא שְׁ'נַת גְ'אוּלַּת עֹ'וֹלָם, אוּן מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט.

~תַּם וְנִשְׁלָם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

**אַ שֵׁיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע תְּפִלָּה**

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אַהֶער צוּ דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב זי"ע וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אָט בִּין אִיךְ דָא בַּיי אִים, אִיךְ הָאבּ צֶעבְּרָאכְן אַלֶע שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת אוּן צוּרִיקְהַאלְטוּנְגֶען וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ בִּין דָא, דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אוּן שְׁרַייבּ מִיר אָן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְט אוּן פַּרְנָסָה אוּן נַחַת, אוּן בַּאהִיט זָאל אִיךְ וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְן,

(אשר בנחל חלק א מכתב כ)

בעזהשי"ת

קוּנְטְרֵס

# אִיךְ וִויל בְּלַייבְּן צְוִוישְׁן אַייךְ

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַּׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, וְוִי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וְוִיאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט, וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

זָאלְסְט וויסְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַ מַתָּנָה פַאר די גַאנְצֶע בְּרִיאָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ע"ח), "גֶעוַואלְד! מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין יִאוּשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט". לִכְאוֹרָה אִיז דָאס גְרִינְג צוּ זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ "זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ", אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז עֵצוֹת מִיט וָואס זִיךְ מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן, נִישְׁט סְתַּם זָאגְט עֶר "זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ", נָאר עֶר גֶעבְּט אוּנְז עֵצוֹת אוּן וֶועגְן אוּן הַנְהָגוֹת וְויאַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן ווי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוערְן. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים.

(אשר בנחל באידיש חלק א׳ מכתב קס"ח)

# אִיךְ וִויל בְּלַייבְּן צְווִישְׁן אַייךְ

## א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"ח): דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִיק אִיז, אַז עֶר קֶען זַיין סֵיי אוֹיבְן אוּן סֵיי אוּנְטְן, דָאס הֵייסְט, אַז עֶר קֶען וַוייזְן פַאר וֶוער עֶס מֵיינְט אַז עֶר הַאלְט שׁוֹין בַּיי אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵגָה, אַז עֶס אִיז פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אַז וֶוער עֶס אִיז זֵייעֶר נִידֶערִיג אוּן עֶר

לִיגְט טִיף אִין דֶער עֶרְד, וַוייזְט עֶר אִים אַז אַדְרַבָּה, עֶר אִיז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים, אוּן לֶעבְּן אִים וְכוּ׳, נָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שָׁם): דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִיק אִיז, אַז וֶוען עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, זָאל עֶר נִישְׁט בְּלַייבְּן נָאר אוֹיבְן, נָאר עֶר זָאל בְּלַייבְּן אוּנְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיכֶעט.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט פוּן אַסַאךְ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: וֶוען זֵיי וֶועלְן אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל, וֶועלְן זֵיי נִישְׁט אַיינְרוּעֶן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה, אוּן מַאכְן אַ סוֹף צוּם גָלוּת. פוּן דֶעסְטְוֶועגְן, וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אוֹיבְן, הָאט מֶען זֵיי אַרַיינְגֶענַארְט אִין גַן עֵדֶן אוּן מִיט דֶעם הָאט זִיךְ עֶס גֶעעֶנְדִיגְט.

דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רָב זי״ע פְלֶעגְט בַּיי זַיינֶע דְרָשׁוֹת אִיבֶּערְ׳חַזֶרְ׳ן, וָואס זַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי״ע הָאט גֶעזָאגְט: אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין

גַן עֵדֶן, און וֶועלְן נִישְׁט רוּהֶען בִּיז זֵיי וֶועלְן פּוֹעֵל׳ן אַ יְשׁוּעָה פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, און לְמַעֲשֶׂה הָאט מֶען זֵיי אָפְּגֶעפָּאפְּט, אָבֶער מִיר וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען אָפְּפָּאפְּן. [עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוַוארְט און גֶעהָאפְט אוֹיף דִי גְאוּלָה עֶר הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי צַייטְן פוּן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר אַזוֹי גֶעוַוארְט אוֹיף דִי גְאוּלָה (סֵפֶר הַקָדוֹשׁ וַיוֹאֵל מֹשֶׁה, בְּהַקְדָמָה).]

פְלֶעגְט דֶער סַאטְמַארֶער רָב זי״ע שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְפִירְן מִיט אַ גֶעוֵויין: ׳מֶען הָאט דֶעם זַיידְן מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ זָאגְן אַ דְרָשָׁה, און עֶר זָאגְט עֶס נָאךְ בִּיז יֶעצְט, און עֶר הָאט פַארְגֶעסְן פוּן אוּנְז׳ (עַיֵין דִבְרֵי יוֹאֵל קֹהֶלֶת, אוֹת ט׳). און אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַלֶע צַדִיקִים, וַוייל וֶוען מֶען קוּמְט אָן אוֹיבְן פַארְגֶעסְט מֶען פוּן דֶער וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן שעג): דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, זֶענֶען גֶעוֶוען דָא בָּזֶה הָעוֹלָם, און זֵיי הָאבְּן

פַארְרָאכְטְן דָאס וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט פַארְרֶעכְטְן, אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוען זֵיי זֶענֶען נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן הָאבְּן זֵיי מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ דִי 'הֶאָרָה', אוּן עֶס אִיז נִישְׁט נִמְשָׁךְ גֶעוָוארְן. אָבֶּער אִיךְ - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט - וִויל אִיבֶּערְלָאזְן אַזַא זַאךְ, וָואס עֶס זָאל זִיךְ הַאלְטְן אוֹיף אֵייבִּיג. אַז דִי תַּלְמִידִים זָאלְן מַאכְן נָאךְ תַּלְמִידִים, אוּן זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים, זָאלְן מַאכְן נָאךְ תַּלְמִידִים אוּן אַזוֹי וֶועט נִמְשָׁךְ וֶוערְן מַיין זַאךְ לְדוֹרֵי דוֹרוֹת.

אַ נַאכְט פַאר דָאס הִסְתַּלְקוּת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזֶעהְן וִוי מֶען שׁוּשְׁקֶעט זִיךְ [וַוייל דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט גְלֵייבְּן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֵייט נִסְתַּלֵק וֶוערְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַלֵיין שְׁרַייבְּט (יְמֵי מוֹהַרְנַ"תְּ חֵלֶק א, סִימָן נט-ס): 'אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיין לֵייגְן אִין מַיין קָאפּ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֵייט נִסְתַּלֵק וֶוערְן'] הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: 'וָואס הָאט אִיר צוּ זָארְגְן אַז אִיךְ גֵיי פַאר אַייךְ' (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רכה). אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַמָאל

גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן קצז): 'אִיךְ וויל בְּלַייבְּן צְווִישְׁן אַייךְ, אוּן עֶטְץ זָאלְטְס קוּמֶען צוּ מַיין קֵבֶר'. דָאס הָאט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעהֶערְט פוּן אַ אִיד וָואס הָאט דָאס גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אוֹיף דִי שִׂיחָה: עֶס אִיז מִיר אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה אַז אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאס בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט, וַוייל אִין דֶעם אִיז אַלֶעס גֶעוָואנְדְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנ"ח): מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אוּנְז, קֶען מֶען זַיין דוּרֶעךְ דֶעם אַ עֶרְלִיכֶער אִיד אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַ עֶרְלִיכֶע אִיד, אוֹיבּ עֶר וֶועט דָאס וֶועלְן מְקַיֵּים זַיין. פִּירְט דָארְט אוֹיס רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוֹיף דֶעם, אַז דָאס אִיז שַׁיָּיךְ הַיינְט אוֹיכֶעט, וֶוען מֶען קוּקְט אִין דִי הֵיילִיגֶע שִׂיחוֹת, אוּן מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶוערְט מֶען מוֹרָא'דִיג נִתְעוֹרֵר, אוּן עֶס אִיז מוֹרָא'דִיג מְחַזֵּק, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס בְּפֵירוּשׁ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן

חֵלֶק א׳ סִימָן קצ״ב): דִי פָּנִים שֵׂכֶל און חָכְמָה פוּנֶעם צַדִיק, אִיז בַּאהַאלְטְן אִין זַיין סֵפֶר.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק און עוֹבֵד ה׳, פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זַצַ״ל, פְּלֶעגְט עֶר זָאגְן שְׁטֶענְדִיג: ״אֵיינְמָאל אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין דָא גֶעוֶוען אוֹיף דִי וֶועלְט, און הָאט גֶעזָאגְט: אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזָא זַאךְ וִוי ׳יִאוּשׁ׳, און מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, און אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זִינְקְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, און עֶס אִיז אִים פִינְסְטֶער דָאס לֶעבְּן, קֶען עֶר אוֹיךְ אַרוֹיסְגֵיין דֶערְפוּן דוּרֶעךְ דֶעם צַדִיק. קֶען שׁוֹין דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם טַאנְצְן פוּנֶעם הִימְל בִּיז דֶער עֶרְד, און פוּן דֶער עֶרְד בִּיזְן הִימְל, און עֶס וֶועט אִים שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן״.

עֶר הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ עֶרְלִיכֶער אִיד; רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בֶּער אוֹדֶעסֶער זַ״ל, [עֶר אִיז לֶעצְטֶענְס זֵייעֶר בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן וֶועגְן דִי ׳פֶּתֶק׳ פוּן נַ... נַח..., כָאטְשִׁיג דֶער גַאנְצֶע זַאךְ אִיז אַ נַארִישְׁקֵייט, וַוייל וִוי בַּאוואוּסְט הָאט גֶעוואוֹינְט אִין

טבריא א פריילעכער איד, הרב החסיד רבי יואל אשכנזי ז"ל, און ער האט נישט געקענט צוקוקען וויאזוי מען פייניגט און מען רודפ'ט א יונגערמאן פאר גארנישט און פאר נישט, בלויז ווייל ער איז א ברסלב'ער חסיד, און ער האט געזעהן ווי ער גייט צוגרינד, האט ער אים אריין געלייגט דעם 'צעטל' וכו', אויף דער עלטער האט מען זיך צוגעכאפט דערצו, און געמאכט א גאנצער עסק דערפון וכו',] האט אים רבי ישראל בער ז"ל אמאל געפרעגט: איך לערן דאך דעם זעלבן ליקוטי מוהר"ן ווי אייך, פארוואס בין איך שטענדיג צובראכן און טרויעריג, און איר זענט שטענדיג פריילעך, און איר גייט ארום מיט א יישוב הדעת?! האט ער אים געענטפערט: "מיר לערנען טאקע ביידע דעם הייליגן רבינ'ס ספרים, אבער דער חילוק איז, איך נוץ די עצות, און דו נוצט נישט די עצות". וועגן דעם אז מען האט שוין יא די ספרים אין שטוב דארף מען טאקע זעהן צו לערנען דערין, און זיך באנוצן מיט די עצות.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק (דְבָרִים לא, א): **וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל.** 'וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה', אֲפִילוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז שׁוֹין אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶער וֶועלְט, דָאךְ אָבֶּער: '**וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה**' וְכוּ', רֶעדְט עֶר נָאךְ דִי וֶוערְטֶער, וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

ב.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן מו; רכט; שו): אִיךְ הָאבּ גֶע'פּוֹעֶל'ט בַּיים בַּאשֶׁעפֶער, אַז מַיין פֵייעֶר זָאל שׁוֹין טְלוּעֶן בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען. אוּן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט הֶערְשְׁט נִתְגַּלֶּה וֶוערְן זַיין גְּרוֹיסְקֵייט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ו): אוּנְזֶער גְּרוֹיסְקֵייט אוּן אוּנְזֶער שֵׁיינְקַייט וֶועט מֶען זֶעהְן וֶוען עֶס וֶועט זַיין דִי גְּאוּלָה.

וִוי בַּאוואוּסְט הָאט מֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁטֶענְדִיג זֵייעֶר גֶע'רוֹדֵפְ'ט, אוּן עֶס הָאט פַּאסִירְט בִּשְׁעַת דִי גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת, וֶוען עֶר

האט געפירט זיין זוהן (מזיווג שני) 'נחמן' צו די חופה, האבן אים אפגעוואַרט מתנגדים מיט שטעקענעס און מיט שטיינער, און עס איז געווען א מורא'דיגער רעש, האט ער געשיקט זיין תלמיד רבי נחמן טולטשינער זצ"ל, ער זאל גיין קוקן וואס איז דער רעש, איז ער צוריק געקומען און געזאגט: מען וואַרט אים דאַרטן אפ מיט שטעקענעס און שטיינער, האט דער הייליגער רבי נתן אנגעהויבן זייער צו וויינען, און געזאגט: 'אפילו ווען א פּראסטער וואסער טרעגער אדער א פּשוט'ער בעל-עגלה מאכט חתונה א זוהן, מאכט מען אים אויך נישט אזעלכע בזיונות אין די טאג פון די חופה, און מיר איז מען אזוי מבזה! איז דאס דאך נאר ווייל איך פארשפּרייט דעם הייליגן רבינ'ס זאך', (עיין ימי מוהרנ"ת חלק א', סימן פו) האט ער דעמאלטס געזינגען (מיט די ניגון פון אשת חיל) אויף די ווערטער: "אונזער גרויסקייט און אונזער שיינקייט, וועט מען זעהן ווען משיח וועט קומען".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען צוּ צוּשְׁפְּרֵייטְן אוּן מְגַלֶּה זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן שע; שסז): וֶוען נִישְׁט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואלְט נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן מִיר קַיין אֵיין בְּלֶעטְל שֵׁמוֹת. אוּן קֵיינֶער וָואלְט הַיינְט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶס הָאט בִּכְלַל עֶקְזֶעסְטִירְט אַזַא רֶבִּי, וֶועגְן דֶעם טַאקֶע הָאט מֶען אִים אַזוֹי גֶע׳רוֹדֵפְ׳ט, אוּן גֶערֶעדְט אוֹיף אִים כָּל דָבָר אָסוּר, וַוייל וֶוער עֶס אִיז מְקַרֵב אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בּוֹיעֶט אַ ׳הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ׳, פַארְלֵייגְן זִיךְ אוֹיף אִים דִי קְלִיפּוֹת פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר אִיז מְקַרֵב, וָואס אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, אוּן וִוילְן זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִין אִים, וַוייל עֶר הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן נ״ט).

אוּן מֶען זֶעהְט אַז נָאכְן הִסְתַּלְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אִיז שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוֶוען תַּלְמִידִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס הָאבְּן גֶעהַאלְטְן, אַז מֶען דַארְף נִישְׁט גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וַוייל דֶער

הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, נָאר רֶבִּי נָתָן ז״ע אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט גֶעשְׁרִיגְן: ״מֶען דַארְף יָא זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט! וַוייל דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס זַאךְ אִיז אַ נִצְחִיוּת״.

[אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט טַאקֶע וִויפִיל בַּעֲלֵי תְּשׁוּבוֹת זֶענֶען גֶעוָוארְן בְּמֶשֶׁךְ דִי צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס הִסְתַּלְקוּת, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ הַיינְט, וִויפִיל הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער בַּעֲלֵי תְּשׁוּבוֹת קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן קַיין אוּמַאן, אוּן הֶערְשְׁט יֶעצְט הֵייבְּט אָן נִתְגַלֶה צוּ וֶוערְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס גְרוֹיסְקֵייט, כָּאטְשִׁיג עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אַ טַעֲנָה, וָואס קוּמֶען דָארְט אַזוֹי סַאךְ סְפַרְדִים? וִויל אִיךְ אַייךְ זָאגְן אָפֶּען, אוּן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט: ׳וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רָב ז״ע וָואלְט הַיינְט גֶעלֶעבְּט אוּן דָאס צוּגֶעזֶעהְן, אָדֶער מֶען וָואלְט אִים דָאס פַארְצֵיילְט, וָואלְט עֶר מוֹרָא׳דִיג הַנָאָה גֶעהַאט׳, אִיךְ גֶעדֶענְק עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל בַּיי אַ שְׁמוּעֶס צְוִוישְׁן מִנְחָה מַעֲרִיב, וִוי עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר

גֶעקָאכְט און אִינְמִיטְן הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי הֶענְט און זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, בִּשְׁעַת דֶער פָּנִים הָאט אִים גֶעפְלַאמְט: ׳אֵיין זַאךְ הָאבּ אִיךְ מוֹרָא, אִיךְ וֶועל דַארְפְן אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן פַארְן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה, אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּג גֶעטוּעֶן פַאר דִי סְפַרְדִי׳שֶׁע אִידְן׳. וַוייל זֵיי זֶענֶען טֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת, נָאר דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע רְשָׁעִים, דִי עֵרֶב-רַב הָאט זֵיי פַארְכַאפְּט, און מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדַת, נָאר יֶעצְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם דוּרֶעךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, הֵייבְּן זֵיי צוּבִּיסְלֶעךְ אָן צוּרִיק צוּקוּמֶען].

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תג): רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְפְן אַלֶע זַיין בַּיי מִיר, וַוייל מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז נָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה; און וֶוער עֶס גְלֵייבְּט אִין מִיר זָאל אוֹיסְרוּפֶען אַז מֶען דַארְף זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. און עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם (שָׁם, סִימָן תו; רכ). און רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט עֶטְלִיכֶע מָאל (שָׁם, סִימָן תו; רכ; רכה. יְמֵי מוֹהַרְנַ״תְּ חֵלֶק א׳ סִימָן פא): אַז פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס וֶוערְטֶער אִיז מַשְׁמַע, אַז מֶען דַארְף וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן אֲפִילוּ נָאךְ

זַיין הִסְתַּלְקוּת צוּ קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן. קֶען קֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט, נִישְׁט קוּמֶען אוּן זָאגְן אַנְדֶערְשׁ, ווִי גְרוֹיס עֶר זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, צוּ אִין נִגְלֶה אָדֶער אִין קַבָּלָה.

אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא זַאךְ מִיט וָואס מֶען קֶען אָפְּנַארְן מֶענְטְשְׁן, ווִי מִיט קַבָּלָה, וַוייל מֶען רֶעדְט וֶוערְטֶער וָואס נִישְׁט יֶעדֶער פַארְשְׁטֵייט, מְמֵילָא כַאפְּן מֶענְטְשְׁן הִתְפַּעֲלוּת. וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן הָאט אִים אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט צוּ עֶס אִיז אֱמֶת, אַז צוּ קֶענֶען קַבָּלָה דַארְף מֶען מִקְוָואוֹת אוּן פַאסְטְן? הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: נֵיין! עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר דָאס אִיז אַ חָכְמָה פוּנְקְט ווִי אַלֶע חָכְמוֹת (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רכ"ה).

עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן דִי חָכְמָה פוּן חֶשְׁבּוֹן, אוּן זֵיי קֶענֶען גְלַייךְ אוֹיסְרֶעכֶענֶען דֶעם חֶשְׁבּוֹן פוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי זֶעהְן, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען צַדִּיקִים וָואס זֵיי הָאבְּן דָאס גֶענוּצְט בִּקְדוּשָּׁה, אוּן מִיט זֵייעֶר שְׁנֶעלְן מֹחַ הָאבְּן זֵיי גֶעקֶענְט

אוֹיסְרֶעכֶענֶען צֵירוּפֵי אוֹתִיוֹת לוֹיט דֶעם שֵׁם הֲוָיָ"ה וְכוּ', וָואס מֶען קֶען מִיט דֶעם מַאכְן נָאמְבֶּערְ"ס עַד אֵין סוֹף, אוּן וֶוען אֵיינֶער הָאט אַ גוּטְן קָאפּ אוּן קוּקְט עֶפֶּעס אָן, קֶען עֶר גְלַייךְ זֶעהְן אַז דָאס בַּאטְרֶעפְט אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל, וָואס אַזוֹיפִיל בַּאטְרֶעפְט אוֹיךְ דֶער פָּסוּק, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן גַאנְצֶע דְרוּשִׁים, ווִידֶערְאוּם זֶענֶען דָא נָאךְ אַנְדֶערֶע חָכְמוֹת, אוּן אֵיינֶער וָואס קֶען דָאס נִישְׁט וֶוערְט זֵייעֶר נִתְפָּעֵל דֶערְפוּן, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַבִּיסְל שֵׂכֶל, מַאכְט עֶר זִיךְ גְלַייךְ דֶעם חֶשְׁבּוֹן "וָואס הָאבּ אִיךְ פוּן דֶעם"?!

מְמֵילָא וֶוען מֶען גֵייט מִיט דֶעם עַל פִּי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן מֶען פִירְט זִיךְ נָאר לוֹיט דִי תּוֹרָה, אִיז ווָאוֹיל אוּן גוּט, אָבֶּער אַז מֶען פַאנְגְט אָן אַוֶועקְצוּגֵיין דוּרְךְ דִי חָכְמוֹת פוּן דִי הֲלָכָה אוּן פוּן פָּשׁוּט אִידִישְׁקֵייט, אִיז דָאס שׁוֹין מוֹרָא'דִיג אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ב): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאךְ זַיין אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל, קֶען עֶר קוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע טָעוּתִים. אוּן עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען

גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן רַחְמָנָא לִצְלָן פַּארְפִּירְט אַנְדֶערֶע, אַדַאנְק דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּאנוּצְט מִיט זֵייעֶר אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל אוּן חָכְמָה. [דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט אִים פַּארְצֵיילְט אוֹיף גָאר אַ גְרוֹיסֶער מְקוּבָּל, וָואס עֶר הָאט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען, אַז אִין חוּץ לָאָרֶץ דַארְף מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין בָּארְד, ווייל אַ בָּארְד אִיז מְרַמֵּז אוֹיף זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן (אִדְרָא רַבָּה, דַף קל, ע״ב; שַׁעַר הַמִּצְוֹות פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים), אוּן חוּץ לָאָרֶץ אִיז נִישְׁט וֶוערְד צוּ דֶעם (עַיֵין שַׁאֲלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּאֵר עֵשֶׂק, סִימָן ע׳). הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶעמָאלְטְס אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: ״אַז מֶען גֵייט מִיט חָכְמוֹת קֶען מֶען פַּארְקְרוּמְט וֶוערְן רַחְמָנָא לִצְלָן״, אוּן דֶעמָאלְטְס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי אוֹיבֶנְדֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן נ״א). דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זי״ע בְּרֶענְגְט (שַׁאֲלוֹת וּתְשׁוּבוֹת חֲתַם סוֹפֵר, חֵלֶק אֹרַח חַיִּים, סִימָן קנ״ט) אַז עֶר הָאט יָא גֶעהַאט אַ בָּארְד, נָאר מֶען הָאט דָאס אוֹיף אִים סְתַּם אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט.]

בִּפְרַט אַז מֶען וויל הָאבְּן הַצְלָחָה אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס זַאךְ, קֶען דָאס נָאר זַיין אַז מֶען גֵייט מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, און וָואס מֶער תְּמִימוּת מֶען הָאט, אִיז מֶען מֶער מַצְלִיחַ, וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, קֶען מֶען נָאר אַז מֶען הָאט תְּמִימוּת, און מֶען וֵוייסְט אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, נָאר אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, און עֶר הֶערְט מִיר אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן סב; קנה). און אַז דִי ווילְסְט דַוְקָא אַ בַּאוַוייז, גֵיי ד׳ אַמוֹת און קוּם צוּרִיק, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֵייט אִין דִיר! וַוייל אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער נֶעמְט פוּן דִיר אַרוֹיס דֶעם לֶעבְּן, לִיגְסְטוּ שׁוֹין אַ טוֹיטֶער, אַזוֹי ווִי חַזַ״ל זָאגְן (נִדָּה לא ע״א): עֶס אִיז דָא דְרֵיי שׁוּתְּפִים אִין אַ מֶענְטְשׁ; טַאטֶע מַאמֶע און דֶער בַּאשֶׁעפֶער, וְכוּ׳, און דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעט דָאס לֶעבְּן, און וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט עֶר זָאל נִפְטָר וֶוערְן, נֶעמְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַוֶועק זַיין חֵלֶק, און דִי אַנְדֶערֶע חֲלָקִים בְּלַייבְּט פַאר דִי טַאטֶע מַאמֶע וְכוּ׳.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אָנְגֶעוָואָרֶענְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תז-תח): מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען סִפְרֵי חַקִירָה אֲפִילוּ פוּן גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי כַאפְּט דָארְט אָן אוֹיךְ דֶעם בַּעַל עֲקֵידָה, אַז כָאטְשִׁיג עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ גוּטֶע סֵפֶר, דָאךְ זָאל מֶען נִישְׁט קוּקְן אִין דֶעם. וַוייל אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם תֵּירוּץ, וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן מִיט דִי קַשְׁיָא, וַוייל זֵיי פְרֶעגְן גוּטֶע קַשְׁיוֹת, אוּן דָאס כַאפְּט מֶען אוֹיף, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּם תֵּירוּץ פַארְשְׁטֵייט מֶען שׁוֹין נִישְׁט, מְמֵילָא בְּלַייבְּט מֶען פוּל מִיט קַשְׁיוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן (וְעַיֵּין עוֹד שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קב).

מֶען זָאגְט נָאךְ, פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען דֶעם עֲקֵידָה? נָאר אַ בַּעַל-הַבַּיִת, וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג נָאכְן עֶסְן, אוּן עֶר לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין בֶּעט, נֶעמְט עֶר אַרוֹיס דֶעם עֲקֵידָה, אוּן עֶר קוּקְט דוּרֶעךְ אַלֶע קַשְׁיוֹת, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּם תֵּירוּץ, אִיז עֶר שׁוֹין אַיינְגֶעשְׁלָאפְן, אוּן אַזוֹי פַּאסִירְט יֶעדֶע וָואךְ, קוּמְט אוֹיס אַז עֶר לֶערְנְט זִיךְ אָן וָואךְ נָאךְ

וָואךְ, מִיט קַשְׁיוֹת, און וְויבַּאלְד בַּיים תֵּירוּץ אִיז עֶר שׁוֹין אַיינְגֶעשְׁלָאפְן, אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן אָן אַ תֵּירוּץ. און בַּיי אֱמוּנָה אַז עֶס פֶאלְט נָאר אַרַיין אַ סְפֵק סְפֵיקָא אִין גֶעדַאנְק, אִיז דָאס שׁוֹין כְּפִירוֹת און אַפִּיקוֹרְסוּת, אַזוֹיוִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ הָאט גֶעטַייטְשְׁט (בַּעַל שֵׁם טוֹב עַל הַתּוֹרָה, פַּרְשַׁת עֵקֶב): דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים יא, טז): **וְסַרְתֶּם, וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים**, וְוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַז עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס אוֹיסֶער דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אִיז דָאס שׁוֹין אַזוֹי וְוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה.

קוּמְט אוֹיס אַז צוּ אֱמוּנָה קֶען מֶען נָאר צוּקוּמֶען אָן שֵׂכֶל, וַוייל 'אֱמוּנָה' אִיז דִי מִדָה פוּן 'מַלְכוּת', (זוֹהַר הַקָדוֹשׁ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, דַף טז; פִּנְחָס, דַף רל) דָאס הֵייסְט עֶר אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ '**עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם**', און עֶר גְלֵייבְּט בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, און אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, דַארְף אִיךְ רֶעדְן צוּ אִים, אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ חָכָם און פַאנְגְט אָן טְרַאכְטְן: צוּ דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, און צוּ עֶר הֶערְט אִים טַאקֶע אוֹיס וְכוּ', אִיז דָאס שׁוֹין כְּפִירוֹת

און אַפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא לִצְלָן (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן סב). און דָאס אִיז גֶעוֶועְן דֶער יְסוֹד בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג אַרָאפּ בְּרֶענְגֶען דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן נִידְרִיגֶער און נִידְרִיגֶער, אַזוֹיוִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שס): אִיךְ הָאב אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט מַיינֶע וֶוערְטֶער אַזוֹי נִידְרִיג, אַז אִיךְ קֶען דָאס שׁוֹין נִישְׁט אַרָאפּ בְּרֶענְגֶען נָאךְ נִידְרִיגֶער. און דָאס דַארְף זַיין אוּנְזֶער אַרְבֶּעט, און נִישְׁט מַאכְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ןס וֶוערְטֶער טִיפֶער און הֶעכֶער, אַז דֶער הַמוֹן עַם זָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען ווִיל, און אָפְּמַאכְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט פַאר אִים.

ג.

דָאס אִיז דִי מַעֲלָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אַז יֶעדֶער זָאל דָאס קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס כָאטְשִׁיג רוֹב מֶענְטְשְׁן קוּקְן דָאס אָן, ווִי פְּשׁוּטֶע זַאכְן וְכוּ׳, אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט זִיךְ גוּט אָן,

זֶעהְט מֶען אַז נָאכְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים - וָואס קוּקְן טַאקֶע אוֹיס אַזוֹי פָּשׁוּט - נֶעמְט מֶען אַ חוּמָשׁ אוּן מֶען הֵייבְּט אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ פַּאנְגְט עֶר אָן צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, אִין דִי צַייט וָואס עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעעֶפֶענְט קַיין מִשְׁנַיוֹת, וַוייל עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט בַּיי זִיךְ: צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת דַארְף מֶען זַיין אַ אַלְטֶער אִיד! וָואס דֶעמָאלְטְס צְווִישְׁן מִנְחָה מַעֲרִיב, לֶערְנְט מֶען צְוֵויי דְרֵיי מִשְׁנַיוֹת, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן גְמָרָא! אוּן אַ דַאנְק דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים מַאכְט עֶר זִיךְ אַ שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, וְכוּ'.

דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן רֶבִּי יוֹסֵף עֶנְגְל זי"ע וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַסַאךְ שֵׁיינֶע אוּן טִיפֶע סְפָרִים, הָאט גֶעזָאגְט: 'פַאר אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן סְפָרִים הָאבּ אִיךְ דוּרְכְגֶעזָאגְט פֶערְצִיג מָאל שַׁ"ס, אָן רַשִׁ"י, אוּן אָן תּוֹסְפוֹת, אוּן נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ מִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען'. מְמֵילָא אִיז שׁוֹין נִישְׁט קַיין וואוּנְדֶער אַז דֶער קָאפּ הָאט זִיךְ אִים גֶעעֶפֶענְט, אוּן אִיז גֶעוָוארְן אַזַא גָאוֹן עוֹלָם.

דער זוהר הקדוש (זהר חדש רות, דף עה; עח; פג. תיקוני זוהר דף עה, ע״ב): טײַטשט אויס דעם גאַנצן סיפּור פון אֶלימלך מיט נעמי, אַז דאס גייט אַרויף אויפן גוף מיט די נשמה; און כּליון דאס איז דער יצר הרע, ווײַל דער יצר הרע וויל מאַכן אַ כּליה-פאַרלענדונג פון דעם מענטש, און נעמי דאס איז די נשמה, וועגן דעם ווען זי איז צוריקגעקומען האט מען געזאָגט (רות א, יט-כא): ׳הזאת נעמי׳? האט זי געענטפערט רופט מיר נישט נעמי-זיס נאר מרה-ביטער, ווײַל דער אייבערשטער האט מיר זייער ביטער געמאַכט, אני מלאה הלכתי איך בין געגאַנגען פיל, וריקם השיבני. דאס הייסט ווען די נשמה קומט אַראָפּ, קומט זי אַראָפּ אָנגעפילט, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (נדה ל ע״ב): ווען אַ קינד איז בּמעי אמו לערנט מען אים אויס כּל התורה כּולה, און ווען ער קומט אַרויס, קומט אַ מלאך און געבּט אים אַ שנעלקע און ער פאַרגעסט אַלעס. כּדי ער זאָל יעצט האָרעווען אַליין, איז ער זוכה און ער האט די ריכטיגע הקדמות, און ער האט שׂכל, האָרעוועט ער אַליין, און קומט אָן צו לערנען

דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, און עֶר דֶערְמַאנְט זיךְ וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, אָבֶּער אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שֵׂכֶל, און עֶר הָאט נִישְׁט דוּרֶעכְגֶעזָאגְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, דֶעמָאלְטְס וֶוען דִי נְשָׁמָה קוּמְט צוּרִיק אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, פְרֶעגְט דֶער שׁוֹמֵר הַפֶּתַח (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק א): 'עֲרוֹךְ מִקְרָא שֶׁקָּרִיתָ', לֵייג אַרָאפּ דִי פְּסוּקִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט. 'עֲרוֹךְ מִשְׁנָה שֶׁשָּׁנִיתָ', לֵייג אַרָאפּ דִי מִשְׁנַיוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶע'חַזֶר'ט. און אַז מֶען הָאט דָאס נִישְׁט אִיז גְרוֹיסֶע בּוּשׁוֹת.

דָאס טַייטְשְׁט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, 'אֲנִי מְלֵאָה הָלַכְתִּי' אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אַהֶער פוּל מִיט כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָה, אָבֶּער 'וְרֵיקָם הֱשִׁיבַנִי' אִיךְ גֵיי צוּרִיק לֵיידִיג, 'הֲזֹאת נָעֳמִי' אִיז דֶען דָאס זִיס, 'אַל תִּקְרֶאנָה לִי נָעֳמִי קְרֶאןָ לִי מָרָה כִּי הֵמַר שַׁדַּי לִי מְאֹד' עֶס אִיז מִיר דָאךְ זֵייעֶר בִּיטֶער.

וֶועגְן דֶעם וֶוער עֶס וִויל זַיין מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְף וִויסְן דָאס וָואס חַזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ב, מִשְׁנָה ה): 'וְלֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד' אַן עַם הָאָרֶץ קֶען

נִישְׁט זַיין קַיין חָסִיד. [דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ פַּארְצֵיילְט (פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כו, ג. אוֹת ו): עֶס אִיז גֶעוֶועןְ אַן עַם הָאָרֶץ וָואס הָאט גֶעטְרַאכְט: אַז עֶר ווִיל אַרָאפּ בְּרֶענְגֶען גָאר אַ גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז דִי בֶּעסְטֶע צַייט פַאר דֶעם וֶועט זַיין יוֹם כִּפּוּר בַּיינַאכְט, וָואס אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע נַאכְט, אָבֶּער ווִיבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דָאס אִיז אַן אִיסוּר כָּרֵת רַחֲמָנָא לִצְלָן!] אוּן אַז מֶען ווִיל זַיין אַ חָסִיד פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן דַארְף מֶען לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס סְפָרִים, בִּפְרַט שִׂיחוֹת הָרַ״ן אוּן חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן אוּן מְקַיֵּים זַיין יֶעדֶע שִׂיחָה פָּשׁוּט אַזוֹיווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט. דָאס אִיז גֶעוֶוען מַיין הַצְלָחָה, אוּן וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ע״ו, אוּן גֶעזֶעהְן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעט אוּנְז אַ ׳סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד׳, הָאב אִיךְ זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט צוּ דֶעם בִּתְמִימוּת, אוּן מֶען רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן אַזוֹי אַלֶע אַנְדֶערֶע עֵצוֹת וָואס אִיךְ הָאב גֶעטְרָאפְן אִין הֵיילִיגְן רֶבִּין׳ס סְפָרִים, הָאב אִיךְ דָאס גְלַייךְ גֶעפָּאלְגְט

אינגאנצן בתמימות ופשיטות, און - ברוך השם - איך האב נישט געהאט ווער עס זאל מיר זאגן אנדערש.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב׳, סימן ח׳): פונקט אזוי ווי מען דארף געבן עסן פארן גוף, וואס דאס ווערט אנגערופן ׳מזונא דגופא׳, דאס זעלבע דארף מען געבן צו עסן פאר די נשמה, וואס דאס ווערט אנגערופן ׳מזונא דנשמתא׳. ווייל פונקט אזוי ווי פאר דעם גוף געט מען צו עסן פיש, פלייש, קאמפאט, אזוי אויך פאר די נשמה דארף מען אויך געבן אביסל חומש אביסל משניות אביסל גמרא און מדרש.

דער מדרש זאגט (בראשית רבה, ס״ו, ג): אויפן פסוק (בראשית כז, כח): ויתן לך האלקים וכו׳, טייטשט דאס דער מדרש אויס; יצחק אבינו האט געבענטשט יעקב אבינו ער זאל זוכה זיין: ׳מטל השמים׳ דאס מיינט מען, ער זאל יעדן טאג לערנען מקרא, ׳ומשמני הארץ׳ ער זאל יעדן טאג לערנען משנה, ׳ורו״ב דגן׳

ער זאל יעדן טאג לערנען תלמוד, [און גמרא דארף מען לערנען אסאך,] 'ותירש' דאס מיינט מען אגדה.

ד.

ברוך השם מיר זענען מקורב צו אזא הייליגן רבי'ן, דארף מען אים פאלגן, און אז מען וויל נישט, זאל מען כאטש נישט פארדרייען און זאגן 'דער רבי האט דאס נישט געזאגט', און אז דער הייליגער רבי האט געזאגט אז מען זאל קומען צו אים ראש השנה ווי קען קומען איינער און זיין קלוגער פונעם הייליגן רבי'ן און זאגן אז ער האט משיג געווען אנדערש, און אוועקפארן אויף ראש השנה פונעם הייליגן רבי'ן.

דער הייליגער בעל התניא זי"ע האט נאכגעזאגט א מורא'דיגע מעשה וואס ער האט געהערט פון זיין רבי'ן דער גרויסער מגיד פון מעזריטש, און ער פלעגט דאס דערציילן זייער זעלטן, אבער ווען ער האט עס דערציילט פלעגט אים גיסן טרערן, און דאס איז די מעשה:

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמוּד חָכָם וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה לְקַנְטֵר, צוּ זַיין אַ לַמְדָן און אַ גָאוֹן, און קֶענֶען אוֹיפְוַוייזְן אַז עֶר קֶען בֶּעסֶער לֶערְנֶען פוּן אַנְדֶערֶע, און עֶר הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶערֵייצְט מִיט אַנְדֶערֶע, און אַזוֹי הָאט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, אוֹיךְ פְלֶעגְט עֶר דַאוֶונֶען מִיט כַּוָונָה, אָבֶּער וָואס אִיז גֶעוֶוען זַיינֶע אַלֶע תְּפִילוֹת? אַז וִויבַּאלְד אִיךְ קֶען אַזוֹיפִיל לֶערְנֶען, און אִיךְ קֶען שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ לֶערְנֶען אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף, וִויל אִיךְ הָאבְּן אַ מַגִיד פוּן הִימְל וָואס זָאל קוּמֶען מִיט מִיר לֶערְנֶען, אַזוֹיוִוי דֶער בֵּית יוֹסֵף הָאט גֶעהַאט.

וַיְהִי הַיּוֹם, עֶס וֶוערְט נִתְגַלֶּה צוּ אִים אַ מַגִיד, און זָאגְט אִים: זָאלְסְט וִויסְן אַז דַיין נְשָׁמָה אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה, און מֶען הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט פוּן הִימְל אַז אִיךְ זָאל קוּמֶען צוּ דִיר, נָאר דוּ זָאלְסְט נָאךְ מֶער לֶערְנֶען, און וַוייטֶער בֶּעטְן, אַז אִיךְ זָאל קוּמֶען צוּ דִיר. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ עֶר אִיז גֶעוָוארְן מָלֵא שִׂמְחָה, און עֶר הָאט גֶעדַאנְקְט און גֶעבֶּעטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ

דַאנְק דִיר הָאסְט מִיר גֶעשִׁיקְט אַ מַגִיד, שִׁיק מִיר אִים נָאך.

וַיְהִי הַיוֹם, זָאגְט אִים דֶער מַגִיד: דוּ בִּיזְט הֶעכֶער פוּן דֶעם גַאנְצְן דוֹר, אוּן דֶער גַאנְצֶער דוֹר אוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע גֶעלְטֶער אִיז דַיינְס, אוּן 'דוּ' דַארְפְּסְט דָאס מַעְלָה זַיין, וֶועגְן דֶעם וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ דִיר אַ דִין תּוֹרָה, וֶוער עֶס וֶועט דִיר גֶעבְּן מֶער גֶעלְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר אִים, אוּן פַּסְקְ'נֶען אַזוֹי וִוי אִים, וַוייל אַז עֶר גֶעבְּט דִיר מֶער גֶעלְט אִיז אַ סִימָן, אַז דָא לִיגְט מֶער נִיצוֹצוֹת, דַארְפְּסְטוּ דָאס מַעְלָה זַיין [רַחְמָנָא לִצְלָן וִוי שְׁטַארְק מֶען קֶען פַארְבְּלֶענְדְט וֶוערְן וֶוען מֶען פַּאלְט אַרַיין אִין גֵיאוּת אוּן אִין יֵשׁוּת, אוּן מֶען רֶעדְט זִיךְ אֵיין אַז אַלֶעס אִיז מַיינְס, אוּן אִיךְ דַארְף מַעְלָה זַיין דִי נִיצוֹצוֹת, אֵיי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְבָרִים טז י"ט): 'הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים, וִיסַלֵּף דִּבְרֵי צַדִּיקִם', אָבֶער דֶער מַגִיד הָאט דָאךְ מִיר אַזוֹי גֶעזָאגְט!].

איין טאג קומט יענער מגיד צו אים, און זאגט אים: אין קלויסטער איז דא אסאך צלמים פון גאלד און זילבער, גיי אריין און נעם דאס, ווייל דארטן זענען נעבעך אזויפיל נשמות פארלארן געווארן און דו דארפסט דאס ארויסנעמען, און דאס געהערט פאר דיר, האט ער אים געפרעגט, וויאזוי קען איך גיין? זאגט אים דער מגיד: גיי ביינאכט, איז ער געגאנגען ביינאכט, און ער האט צאם גענומען אלע כלים מיט די צלמים פון זילבער און גאלד, פלוצלינג איז דער גלח אנגעקומען, און ער זעהט וואס עס גייט פאר, האט מען גלייך גערופן די פאליצייי און מען האט אים געשטעלט צום משפט, און דער ריכטער האט גע׳פסק׳נט: וויבאלד ער האט נישט גע׳גנב׳ט, נאר ער האט געוואלט גנב׳נען ווייל מען האט אים דאך געכאפט נאך אינמיטן די גניבה, זאל ער זיצן א יאר אין תפיסה!

יעצט ווען ער איז שוין געזיצן אין תפיסה, האט ער אנגעהויבן צו וויינען און מתפלל זיין צו דעם מגיד, און בעהט זיך צו אים: קוק וואו איך בין דא,

זָאגְט אִים דֶער מַגִיד: פוּן יֶעצְט, וָואס דֶער גַלַח וֶועט דִיר זָאגְן, זָאלְסְטוּ אִים פָּאלְגְן, אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען הָאבְּן אַ תִיקוּן. אוּן דֶער גַלַח אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין תְפִיסָה, אוּן זָאגְט אִים: אִיךְ זֶעה ווִי שְׁטַארְק דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ, אוּן דוּ וֵויינְסְט אוּן שְׁרֵייסְט, אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר אַ עֵצָה, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁמַד'ן וֶועל אִיךְ דִיר גְלַייךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דָא! אוּן ווִיבַּאלְד דֶער מַגִיד הָאט אִים דָאךְ גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל פָּאלְגְן דֶעם גַלַח, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט זִיךְ שְׁמַד'ן, אַזוֹי וֶועט עֶר אַרַיין גֵיין אִין דִי טוּמְאָה, אוּן עֶר וֶועט נָאךְ מַעְלָה זַיין פוּן דָארְטְן קְדוּשוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ לַיידֶער גֶע'שְׁמַד'ט, אוּן אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶע'שְׁמַד'ט אִיז שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען קַיין מַגִיד, נָאר פְּלוּצְלִינְג זֶעהְט עֶר אֵיינֶער קוּמְט מִיט צוּרִיסֶענֶע שִׁיךְ, פְרֶעגְט עֶר אִים, וָואס אִיז דָאס?! זָאגְט עֶר אִים: 'אִיךְ בִּין דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם! אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין גֵיין אוּן קוּמֶען אַז דִי שִׁיךְ הָאט זִיךְ מִיר שׁוֹין צוּרִיסְן, בִּיז אִיךְ הָאבּ דִיר אַרַיין גֶעכַאפְּט אִין מַיין נֶעץ, אוּן דִיר אָפְּגֶע'שְׁמַד'ט! פְלֶעגְט דֶער גְרוֹיסֶער מַגִיד

אוֹיסְפִירְן פַארְן בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע: קוּק וִוי וַוייט מֶען קֶען אָפְּנַארְן אַ מֶענְטְשׁ, בִּיז רַחֲמָנָא לִצְלָן עֶר וֶועט זִיךְ שְׁמַד'ן.

אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת אִין אָנְפַאנְג (דְּפוּס יָשָׁן; וְעַיֵּין פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תפ"ו) אִיז גֶעדְרוּקְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס עֶס הָאט דֶערְצֵיילְט אֵייְנֶע פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם הֵיילִיגֶען רֶבִּין רֶבִּי דוֹב חַיָה'לֶעס זצ"ל, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ לַאנְגֶע צַייט דֶער רָב אִין שְׁטָאט לָאדִיזְשִׁין, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, בִּיז אֵיינְמָאל הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען, עֶר וַוארְפְּט אַוֶועק דָאס רַבָּנוּת אוּן קוּמְט וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג נָאנְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ אוֹיסְגֶערוּפְן אִין זַיין שְׁטָאט אַז עֶר גֶעזֶעגֶענְט זִיךְ פוּן זֵיי, אוּן וֶוערְט אוֹיס רָב, אוּן עֶר צִיעֶט זִיךְ אַרִיבֶּער קַיין בְּרֶסְלֶב מִיט זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה. אוּן זַיין סֵדֶר פְלֶעגְט זַיין אַז עֶר פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, בִּשְׁעַת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן, אוּן נָאכְזָאגְן פַארְשִׁידֶענֶע מַעֲשִׂיוֹת אוּן חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה פוּן אַלְטֶע

סְפָרִים, ווִיבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶער יַדְעָן, עֶס אִיז גֶעוֶוען זַאכְן וָואס עֶר הָאט נָאכְגֶעזָאגְט, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוֹיף דֶעם: 'דָאס אִיז בֶּאֱמֶת רוּחַ הַקוֹדֶשׁ'! אוּן גֶעוִויסֶע זַאכְן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַוֶועק גֶעמַאכְט, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, צוּ ווִיסְן וָואס אִיז רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וְכוּ'.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רָב דֶערְצֵיילְט פַאְרן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זַיין טָאכְטֶער צוּ אַ בָּחוּר פוּן זַיין יְשִׁיבָה וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁער לַמְדָן אוּן עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט פְלַייסִיג בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, אֵיינְמָאל בַּיינַאכְט וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ קוּמֶען צוּ אִים אַ מַגִיד פוּן הִימְל אוּן עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים אַ גַאנְצֶע נַאכְט אָבֶער דֶער מַגִיד אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא אוּן נִישְׁט פוּן דִי קְדוּשָׁה, (מִן הַסְתָּם אִיז עֶר נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין עֶפֶּעס אַ זַאךְ וָואס דוּרֶעךְ דֶעם הָאט דִי סִטְרָא אַחְרָא גֶעהַאט אַ כֹּחַ זִיךְ אָנְצוּכַאפְּן אִין אִים).

אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דֶער מַגִיד אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, אוּן דֶער יוּנְגֶערְמַאן הָאט דָאס נִישְׁט דֶערְצֵיילְט פַּאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ,

אֵיינְמָאל הָאט דֶער מַגִיד אִים אָנְגֶעפַּאנְגֶען צוּצוּרֶעדְן צוּ אַן עֲבֵירָה, אוּן עֶר הָאט אִים אוֹיפְּגֶעווִיזְן אַז דָאס אִיז פוּן הִימְל אוּן דוּרֶעךְ דֶעם וֶועט זַיין וַוייבּ זוֹכֶה זַיין אַרָאפְּצוּבְּרֶענְגֶען דִי נְשָׁמָה פוּן מָשִׁיחַ, אוּן דֶער יוּנְגֶערְמַאן הָאט אִים גֶעגְלֵייבְּט אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען אִיבֶּערְצוּרֶעדְן זַיין וַוייבּ זִי זָאל אִים פָּאלְגְן, אוּן עֶר הָאט אִיר פַּארְצֵיילְט אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ מַגִיד פוּן הִימְל אוּן עֶר הָאט אִים דָאס גֶעהֵייסְן טוּהְן וַוייל דָאס אִיז מִן הַשָּׁמַיִם, אָבֶּער זַיין וַוייבּ אִיז גֶעוֶועזְן אַ גְרוֹיסֶע יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן זִי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז זִי גֵייט קוֹדֶם פְרֶעגְן אִיר טַאטֶע, אוּן אַזוֹי הָאט זִי גֶעטוּהְן, אוּן זִי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט פַּאר אִיר טַאטֶע, אוּן אִיר טַאטֶע הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, וַוייל עֶר הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער מַגִיד אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, עֶר הָאט תֵּיכֶף גֶערוּפְן זַיין אֵיידֶעם, אוּן אִים גֶעזָאגְט: ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער

מַגִיד אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, אוּן דֶער סִימָן אִיז, אַז בַּײ אַ מַגִיד פוּן דִי קְדוּשָׁה זֶענֶען אָנְגֶעצֵייכֶנְט אַלֶע אַלֶף-בַּיִת אוֹיף זַײן שְׁטֶערְן, אוּן דִי אוֹתִיוֹת פוּן דִי שֵׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא שַׁײנֶען, אוּן בַּײ אַ מַגִיד פוּן סִטְרָא אַחְרָא זֶענֶען אוֹיךְ אָנְגֶעצֵייכֶנְט דִי אוֹתִיוֹת פוּן דִי אַלֶף-בַּיִת אוֹיף זַײן שְׁטֶערְן, אָבֶּער דִי אוֹתִיוֹת פוּנֶעם שֵׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא לַײכְטְן נִישְׁט, אוּן וֶוען דֶער מַגִיד וֶועט צוּ דִיר קוּמֶען, אוּן דוּ וֶועסְט זֶעהְן אַז דִי אוֹתִיוֹת פוּנֶעם שֵׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא לַײכְטְן נִישְׁט אוֹיף זַײן שְׁטֶערְן וֶועסְטוּ ווִיסְן אַז עֶר אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, אוּן דִי זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אִים, אוּן עֶר וֶועט דִיר זִיכֶער וֶועלְן שֶׁעדִיגְן, וֶועגְן דֶעם גֶעבּ אִיךְ דִיר אִיבֶּער שֵׁמוֹת אוּן קְמֵיעוֹת, וֶועט עֶר דִיר גָארְנִישְׁט קֶענֶען טוּהְן,

בַּײנַאכְט, אִיז דֶער מַגִיד גֶעקוּמֶען צוּ אִים, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶס לַײכְט אִים נִישְׁט דִי אוֹתִיוֹת פוּנֶעם שֵׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא הָאט עֶר גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, אוּן עֶר הָאט גֶעטוּהְן אַזוֹי ווִי זַײן שְׁוֶוער הָאט אִים בַּאפוֹילְן, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר

גערַאטעוועט געוואָרן פון אים, און ווי נאָר דער הייליגער רבי האָט געהערט די מַעֲשֶׂה איז ער זייער פאַרפלאַמט געוואָרן, און ער האָט געזאָגט פאַר דעם רב, רבי דוב חַיָה׳לעס, מיט דעם לָשׁוֹן: אָבער בַּיי אונז - בָּרוּךְ הַשֵּׁם - לַייכטן אַלע אוֹתִיוֹת פון די אַלֶף-בֵּית. און דעמאָלטס האָט דער הייליגער רבי איבערגעגעבן פאַר רבי נָתָן ז״ע צו שרייבן זיין סֵפֶר הָאַלֶף-בֵּית, וואס מיר רופן היינט סֵפֶר הַמִּדּוֹת.

יעצט אַז מיר שטייען אין די עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, וואס דער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ זאָגט (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר הַשּׁוֹפָר, דַּף קמ״ב) אַז יעדן טאָג פון די זיבען טעג צווישן ראֹשׁ הַשָּׁנָה און יוֹם כִּיפּוּר קען מען פאַרעכטן די זעלבע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר און פון אַ גאַנץ לעבן, דאַרף מען זיך מאַכן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ און זעהן זיך נישט צו לאָזן נאַרן. דער הייליגער רבי זאָגט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן נא): דאס זאָלט איר פון מיר אָננעמען, זיך נישט צו לאָזן נאַרן, ווייל די וועלט נאַרט זייער שטאַרק. און וויאַזוֹי קען מען וויסן צו מען נאַרט זיך אָדער נישט, [ליידער איז דאָ היינט בַּעֲלֵי תְּשׁוּבוֹת וואס זענען

אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין דִי שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן, וָואס זֶענֶען סָפֵק מַמְזֵרִים, אוּן זֵיי זָאגְן אוֹיךְ שׁוֹין דֵעוֹת אִין חַסִידוּת בְּרֶסְלֶב,] נָאר אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקֶען וָואס עֶר הָאט אִין זַיין הַאנְט, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט אִים דָא אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ חֵשֶׁק אוּן אַ גְרִינְגֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פְּלַייסְן אִין חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם; מִשְׁנַיוֹת אִין אַ סֵדֶר; גְמָרָא בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא אִין אַ סֵדֶר; מִדְרָשׁ רַבָּה אוּן מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, אוּן אַזוֹי אַלֶע אַנְדֶערֶע מִדְרָשִׁים, וְכוּ׳, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זֶעהְט עֶר אַז עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אוּן תְּשׁוּבָה טוּהְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, זֶעהְט עֶר אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס אִין הַאנְט, אוּן עֶר דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קוּקֶען אוֹיף קֵיינֶעם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיק׳ל קַאלוֹבֶער זי״ע אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט, אוּן צוּשְׁפְּרֵייט חַסִידוּת אִין אוּנְגַארְן, אוּן מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה גֶעוֶוען אָן אַ שִׁיעוּר אִידְן, דוּרֶעךְ זַיין כֹּחַ הַנְגִינָה. עֶר

הָאט גֶעהַאט צְוֵויי תַּלְמִידִים, רֶבִּי יוֹזְפָּא און רֶבִּי מִיכָאֵל - בַּאקַאנְט אַלְס דִי אַחִים הַקְדוֹשִׁים פוּן נַאנַאשׁ, וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעמַאכְט פַאר מוֹרָא'דִיגֶע גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן, [וִוי בַּאקַאנְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיק'ל קַאלוֹבֶער אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דִי הֵיילִיגֶע אָשְׁוַוארֶער חֶבְרַיָא, (עַיֵין חוּמָשׁ הֵיכָל הַבְּרָכָה, סוֹף פַּרְשַׁת מַטּוֹת),] און וֶוען רֶבִּי אַייזִיק'ל קַאלוֹבֶער זי"ע אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, זֶענֶען דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע בְּרוּדֶער גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אַ רֶבִּי'ן, זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רָאפְּשִׁיצֶער רָב זי"ע, און הָאבְּן גֶעוָואלְט זֶעהְן זַיין עֲבוֹדָה, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן וִוי עֶס קוּמְט אַרַיין אַ אִיד, און וֵויינְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין נֶעבֶּעךְ עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת אִין דֶער וֶועלְט, און דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח משֶׁה זי"ע הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ שְׁוֶוערֶע תִּיקוּן פוּן תַּעֲנִיתִים און סְגוּפִים, פוּן סֵפֶר רוֹקֵחַ און סֵפֶר הַקָנֶה, אָבֶּער - פִּירְט דֶער אִיד אוֹיס מִיט אַ גֶעוֵויין - אִיךְ הָאב אָפְּגֶעטוּעֶן אַזֶעלְכֶע עֲבֵירוֹת, אַז אֲפִילוּ אִיךְ זָאל לֶעבְּן אָדָם הָרִאשׁוֹן'ס יָארְן, וֶועט דָאס נָאךְ אוֹיךְ נִישְׁט זַיין גֶענוּג, וִויפִיל

איך דארף צו פאסטן. זאגט אים דער ראפשיצער רב זי"ע, זען דיך אוועק; און פאנגט אים אן מסביר צו זיין: דער הייליגער ישמח משה איז א מלאך אלקים, און א מלאך ווייסט נישט וואס עס טוט זיך דא אויף דער וועלט, ממילא האט ער זיך נישט געקענט פארשטעלן אז א מענטש זאל זינדיגן, און אז מען האט יא געזינדיגט דארף מען אים געבן דעם תשובת הקנה וכו'! אבער איך זאג דיר - פירט דער ראפשיצער רב אויס - זאלסט אנהייבן גוט צו עסן, און ער האט אים געגעבן א גרינגער תיקון פון זאגן קאפיטליך תהלים, און פרקים משניות. ווי נאר דער איד האט דאס געהערט, האט ער אוועק געחלש'ט, [ווייל דא האט אים דער הייליגער ישמח משה געגעבן אזא שווערן תיקון, און דא געבט אים דער רבי אזא גרינגע תיקון]. און די צוויי ברודער האבן זיך צוגעקוקט פון דער זייט און האבן געלאכט, האט דער הייליגער ראפשיצער רב אנגעהויבן צו שרייען אויף זיי: רוצחים וואס איר זענט, א איד האט געחלש'ט, און איר לאכט?! ביז דערווייל האט מען

אִים דֶערְמוּנְטֶערְט אוּן עֶר אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, הָאבְּן זֵיי זִיךְ פַארְעֶנְטְפֶערְט פַארְן רָאפְּשִׁיצְן רָב אוּן גֶעזָאגְט: רֶבִּי, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעלַאכְט וֶועגְן דֶער אִיד הָאט גֶע׳חַלֶשְׁ׳ט חַס וְשָׁלוֹם, נָאר מִיר הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן שִׂמְחָה אַז ׳בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אַ רֶבִּי׳ ווַייל מִיר גֵייעֶן אַרוּם זוּכְן אַ רֶבִּי, אוּן מִיר זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶועזְן בַּיי פַארְשִׁידֶענֶע פְּלֶעצֶער, אוּן דָא הָאבְּן מִיר גֶעטְרָאפְן אַ רֶבִּי וָואס קֶען אַרַיינְגֶעבְּן אַזַא חַיוּת אוּן מַמָשׁ אַ נֵייעֶ נְשָׁמָה אִין אַ אִיד וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶועזְן אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, אוֹיבּ אַזוֹי הָאבְּן מִיר שׁוֹין אַ רִיכְטִיגֶער רֶבִּי!

מֶען זָאגְט נָאךְ אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיק׳ל קַאלוֹבֶער זי״ע הָאט גֶעזִינְגֶען הָאט אֲפִילוּ אַ שְׁטֵיין גֶעקֶענְט צוּגֵיין, בִּפְרַט אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם שְׁטִיקְל פוּן **וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף**, הָאט עֶר גֶעוַואשְׁן נְשָׁמוֹת! אוּן וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶועזְן בַּיי אִים הָאט גֶעוֵויינְט. פְלֶעגְן קוּמֶען צוּ אִים אוּנְגֶערִישֶׁע פּוֹיעֶרִישֶׁע אִידְן, אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי אוֹיף ׳זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ׳, אוּנְגַארִישׁ. אִיז גֶעוֶועזְן אֵיינֶער פוּן דִי

פָּשׁוּטֶ׳ע אִידְן, וָואס זַיין וַוייבּ הָאט אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט גֵיין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן קַאלוּבֶער, זִי הָאט גֶע׳טַעֲנָה׳ט דוּ לָאזְט מִיךְ אִיבֶּער אַלֵיינְס וְכוּ׳, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ: דָאס אִיז דָאךְ אַזַא ׳וואוּנְדֶער רֶבִּי׳, וֶועְן דוּ זָאלְסְט וֶוען הֶערְן זַיין ׳וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף׳ וָואלְסְטוּ אַלֵיין, אוֹיךְ גֶעקוּמֶען צוּ אִים! זָאגְט זִי אִים: אוֹיבּ אִיז דֶער רֶבִּי אַזוֹי גְרוֹיס, זָאל עֶר קוּמֶען אַהֶער! זָאגְט עֶר אִיר: קֶען אִיךְ דֶען בֶּעטְן דֶעם רֶבִּי׳ן עֶר זָאל אַהֶער קוּמֶען?! אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועק גֶערִיסְן, אוּן גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיק׳ל זי״ע פְלֶעגְט אַרוּם פָארְן נָאךְ גֶעלְט פַאר פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים אוּן הַכְנָסַת כַּלָּה, הָאט זִיךְ אֵיינְמָאל גֶעמַאכְט אַז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִינֶעם דָארְף פוּן יֶענֶעם אוּנְגֶערִישְׁן אִיד, אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן: יֶעצְט וֶועל אִיךְ גֶעבְּן פַאר מַיין וַוייבּ טוֹעֵם צוּ זַיין, וָואס עֶס הֵייסְט וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף בַּיים רֶבִּי׳ן, וֶועט זִי מִיר שׁוֹין טְרַייבְּן צוּ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן פְרֶעגְט אִים: וִויפִיל גֶעלְט דַארְף דֶער רֶבִּי הָאבְּן? אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ

גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע סְכוּם. זָאגְט עֶר אִים: אִיךְ דַארְף הָאבְּן צֶען טוֹיזֶענְט גִילְדְן! הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: רֶבִּי, אִיךְ בִּין גְרֵייט, אָבֶער אַזוֹי ווִי יֶעדֶעס יָאר וֶוען אִיךְ ווִיל פָּארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה לָאזְט מִיר נִישְׁט מַיין וַוייבּ, זִי זָאגְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל אַהֶער קוּמֶען, אוּן יֶעצְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין דָא, ווִיל אִיךְ אַז דֶער רֶבִּי זָאל זִינְגֶען דֶעם וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועל אִיךְ גֶעבְּן דָאס גֶעלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיק׳ל טְרַאכְט אוּן טְרַאכְט, פְּלוּצְלִינְג רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: אַז אַייזִיק וֶועט זִינְגֶען וּמַלְאָכִים יֵחָפֵזוּן, וֶועלְן זִיךְ דִי מַלְאָכִים צַאם לוֹיפְן, אוּן זֵיי וֶועלְן פְרֶעגְן וָואס גֵייט דָא פָּאר? אִינְמִיטְן ווִינְטֶער זִינְגְט מֶען וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף? עֶס אִיז דֶער יוֹם הַדִין יֶעצְט? וֶועלְן דִי מַלְאָכִים זָאגְן אֵיינֶער פַאר אַנְדֶערְן: אַייזִיק ווִיל דָא אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַ אִיד צֶען טוֹיזֶענְט גִילְדְן, הָאט עֶר גֶעמַאכְט צַאם לוֹיפְן אַלֶע מַלְאָכִים?! נֵיין, אַייזִיק וֶועט זִיךְ נִישְׁט מַאכְן צוּ נַאר פַאר דִי מַלְאָכִים, אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן צוּ שְׁפֶּעטְן. זָאגְט עֶר פַאר דֶעם אִיד: זַיי מִיר גֶעזוּנְט, אוּן עֶר גֵייט

אַוֶועק. פוּן דֶעם זֶעהְט מֶען, ווִי וַוייט מֶען קֶען אָפְּנַארְן מֶענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט עֶר נָאךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, אוּן זָאגְן אוֹיף אַלֶע מִינֵי וֶועגְן, אַז דָאס אִיז אַ מִצְוָוה, אוּן מֶען דַארְף אַזוֹי צוּ טוּהְן.

דֶערְפַאר אַז מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען, אוּן מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אוּן יֶעדֶער זָאל אַוַודְאַי הָאבְּן גֶע׳פּוֹעֶל׳ט אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אֱמֶת, עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ יוּנְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן גֶעהַאט מוֹרָא׳דִיגֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן צוּ פָארְן, פוּן שְׁטוּבּ אוּן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, אוֹיבּ אַ דָאקְטֶער וָואלְט אִים גֶעזָאגְט: דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין הָאפֶענוּנְג רַחֲמָנָא לִצְּלָן, וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט, נָאר גֶעלָאפְן צוּם גְרֶעסְטְן דָאקְטֶער, דָאס זֶעלְבֶּע אוֹיבּ מֶען פַּסְקֶ׳נְט אָפּ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ חַס וְשָׁלוֹם טוֹיט שְׁטְרָאף, וָואלְט עֶר קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט, אוּן עֶר וָואלְט אֲפִילוּ אַלֶעס פַארְקוֹיפְט, אוּן גֶעפָארְן צוּם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר מִיר קֶענֶען רַאטֶעוֶוען מַיין לֶעבְּן, אוּן בָּרוּךְ

הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט פַּארְקוֹיפְט, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט אוּנְז פַּארֶעכְטְן אוּן אוּנְז פּוֹעֶלְ'ן אַ גוּט יָאר, וֶועגְן דֶעם טָאר מֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, נָאר אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיף דִי בִּזְיוֹנוֹת, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט זִיךְ אַלֶעס בַּארוּאִיגְן.

נָאר דָאס דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען, נִישְׁט צוּ וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט, אוּן זָאגְן: מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיט אַלֶע תִּירוּצִים וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיק'ל קַאלוּבֶער זי"ע הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעשֶׁעמְט צוּ זָאגְן אָפֶען, וָואסֶערֶע פָּנִים עֶר וֶועט הָאבְּן בַּיי דִי מַלְאָכִים, אוּן אַז עֶר אִיז נִישְׁט גְרֵייט זִיךְ מְבַזֶּה צוּ זַיין פַאר אַפָּאר רֵיינִישׁ, אוּן דָאס אִיז נָאר פַּאר מַלְאָכִים, כָּל שֶׁכֵּן פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים!? עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה זִיךְ מַאכְן צוּ נַאר פַּאר מֶענְטְשְׁן, וַוייל פוּן דִי אַלֶע לִיגֶענְטְס בְּלַייבְּט נָאכְדֶעם גָארְנִישְׁט, נָאר דָאס וָואס מֶען הָאט זִיךְ גֶעפִירְט מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה, אוּן גֶעזָאגְט תְּהִלִּים וְכוּ', וָואס דָאס אִיז מְטַהֵר דֶעם נֶפֶשׁ.

## אִיךְ וִויל בְּלַייבְּן צְוִוישְׁן אַייךְ

דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע הָאבְּן אַ חֲתִימָה טוֹבָה.

**~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~**

# אַ שֵׁיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע תְּפִלָּה

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ זִינְק אִין גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת וָואס דָאס בְּרֶענְגְט מִיר צוּ שִׁגְיוֹנוֹת, אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אַרוּם פָּשׁוּט אַזוֹי וִוי אַ מְשׁוּגֶענֶער, אִיךְ הָאבּ קַיין שׁוּם יִשׁוּב הַדַעַת נִישְׁט, בֶּעט אִיךְ דִיר שֶׁענְק מִיר שֵׂכֶל, אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַעַת, דוּ גֶעבְּסְט פַאר מֶענְטְשְׁן שֵׂכֶל, גֶעבּ מִיךְ אוֹיכֶעט שֵׂכֶל אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין הָאבְּן יִשׁוּב הַדַעַת, אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין נִישְׁט זַיין מְבוּהָל וּמְבוּלְבָּל פוּן יֶעדֶע זַאךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וִוי נִישְׁט הָאבּ אִיךְ אִין מִיר אַסַאךְ מִצְוֹות. דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַאנְק אִיךְ דִיר בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס דוּ הָאסְט מִיר בַּאשַׁאפְן אַ אִיד, אוּן נִישְׁט קַיין גוֹי, אוּן אִיךְ גֵיי מִיט צִיצִית, אוּן אִיךְ לֵייג תְּפִילִין יֶעדְן טָאג, אוּן אִיךְ הָאבּ אַ מְזוּזָה אוֹיף מַיין טִיר, אוּן אִיךְ הִיט שַׁבָּת אוּן עֶס כָּשֶׁר, מִיט דֶעם זָאל אִיךְ זִיךְ מְחַיֶה זַיין אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן דָאס וֶועט מִיר בְּרֶענְגֶן יִשׁוּב הַדַעַת. וָוארוּם אַזוֹי הָאסְטוּ אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען דוּרְךְ דַיינֶע צַדִיקִים, אַז שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט יִשׁוּב הַדַעַת. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְוֹות וָואס אִיךְ בִּין מְקַיֵים, אוּן מִיט דֶעם וָואס אִיךְ וֶועל זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן יִשׁוּב הַדַעַת אוּן אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל וֶועל אִיךְ זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן וֶוערְן אַן אֶמֶת'ער עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן טוּן דַיין רָצוֹן מִיט אַן אֶמֶת.

(אשר בנחל חלק א מכתב מ"ח)

בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער,
וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וְויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי,
דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט,
וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהֶם,

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים
פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ אִיז נָאר תּוֹרָה וּתְּפִלָּה, אוּן פְרֵיילֶעךְ זַיין, אוּן דוּרךְ גֵיין דֶער וֶועלְט גְלִיקְלִיךְ אוּן דֶערְהַאלְטְן זִיךְ אוֹיף אַלֶעס וָואס ס׳גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, וָואס מִיט דֶעם וֶוערְט גֶעמָאסְטְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ וְכוּ׳. דֶער עִיקָר אִיז מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְווֹת מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, וָוארוּם יֶעדֶער מִצְוָה אִיז דֶער רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דַארְף מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מִיר טוּעֶן דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אוּן דִי חַזַ״ל לֶערְנֶען אוּנְז (וַיִקְרָא רבה פַּרְשָׁה לד סִימָן ד׳) לַמְדָךְ תּוֹרָה דֶרֶךְ אֶרֶץ שֶׁכְּשֶׁיְּהֵא אָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה יְהֵא עוֹשֶׂה אוֹתָהּ בְּלֵב שָׂמֵחַ, אַ מִצְוָה דַארְף מֶען טוּן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, וָואס דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א׳) כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלוֹם לֵאלוֹקָיו; אַז אַ אִיד אִיז פְרֵיילֶעךְ וֶוען עֶר אִיז מְקַיֵּים אַ מִצְוָה אִיז אַ סִימָן אַז דָאס הַארְץ אִיז אִים רֵיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

(אשר בנחל באידיש חלק א׳ מכתב י״א)

# אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד

## א.

דֶער אַרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵין פְּרִי עֵץ חַיִים שַׁעַר יוֹם הַכִּפּוּרִים, פֶּרֶק א; וּבְשַׁעַר חַג הַסֻכּוֹת, פֶּרֶק א): דִי פִיר טֶעג פוּן יוֹם כִּיפּוּר בִּיז סוּכּוֹת אִיז קֶעגְן דִי פִיר אוֹתִיוֹת פוּן שֵׁם הֲוָיָ"ה. וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען אִין דִי פִיר טֶעג זַיין 'נָאר פְרֵיילֶעךְ' (שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב, סוֹף סִימָן תרכ"ד), אוּן נִישְׁט ווַייזְן קַיין שׁוּם עַצְבוּת, ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז מוֹחֵל גֶעוֶוען אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן פַאר נַייעֶ עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם, אִיז נִישְׁט דָא קַיין צַייט, אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִקְרָא רַבָּה ל, ז): אוֹיפְן פָּסוּק (וַיִקְרָא כג, מ): **וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן** וְכוּ', אַז דִי פִיר טֶעג צְווִישְׁן יוֹם כִּפּוּר אוּן סוּכּוֹת,

זֶענֶען אִידְן פַארְנומֶען און פַארְיָאגְט, מִיט מַאכְן דִי סוכָּה, און קויפְן דִי ד׳ מִינִים וְכו׳, אַזוי אַז מֶען הָאט נִיטְאַמָאל קַיין צַייט צו זִינְדִיגְן. בִּפְרַט אִין אַזַא יָאר וָואס מִיר הָאבְן נָאךְ אִין דִי פִיר טֶעג אַ שַׁבָּת אִינְמִיטְן אויךְ, אִיז דָאךְ דָאס אַ מורָא׳דִיגֶע שִׂמְחָה, וַוייל נִישְׁט נָאר אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צו זִינְדִיגְן, נָאר מֶען הָאט נָאךְ דִי שִׂמְחָה פון שַׁבָּת קודֶשׁ אויךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוטֵי מוהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן יז): שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ. און מֶען דַארְף טוען אַלֶעס וָואס מֶען קֶען נָאר, כְּדֵי צו זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ אִין שַׁבָּת. דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחומָא בְּרֵאשִׁית סוף סִימָן ג): ׳**כְּבוד שַׁבָּת עָדִיף מֵאֶלֶף תַּעֲנִיות**׳, אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זִיךְ מִתְעַנֵג אִין שַׁבָּת, אִיז אַזוי וִוי עֶר וָואלְט גֶעפַאסְט טויזֶענְט תַּעֲנִיתִים. אויךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקוטֵי מוהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן נז): דָאס עֶסְן פון שַׁבָּת אִיז ׳כּולו אֱלקות׳, נָאר גֶעטְלִיכְקֵייט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אונְזֶערֶע לַייט (חַיֵי מוהֲרַ״ן סִימָן לב): דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאגְט אונְז (שְׁמות טז, כה): ׳קִינְדֶערְלֶעךְ עֶסְט, עֶס אִיז שַׁבָּת הַיינְט׳!

און דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיךְ שְׁוֶוער מְקַיֵים צוּ זַיין. אַזוֹיוִוי מֶען זֶעהְט ווִי שְׁוֶוער עֶס קוּמְט אָן צוּ עֶסְן דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת, בִּפְרַט אִיז מֶען מְזַלְזֵל אִין 'שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת'. חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קי"ז ע"ב): אַ מֶענְטְשׁ זָאל עֶסְן דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. און דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (יִתְרוֹ דַף פ"ח ע"א): אַז דֶער וָואס פַארְפֶעלְט אֵיין סְעוּדָה, פוּן דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת, אִיז אַ סִימָן אַז עֶס פֶעלְט אִים אֱמוּנָה. וֶועגְן דֶעם ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, און עֶסְט דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה.

## ב.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט אוֹיס (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ב): דֶעם פָּסוּק (יִרְמְיָהוּ נ, כ): **בַּיוֹם הַהוּא יְבֻקַּשׁ עֲוֹן יִשְׂרָאֵל וְאֵינֶנּוּ**, עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט, וָואס מֶען וֶועט נָאכְזוּכְן נָאךְ דִי עֲבֵירוֹת פוּן אִידְן, און מֶען וֶועט נִישְׁט טְרֶעפְן, וַוייל אַלֶע אִידְן וֶועלְן טוּעֶן 'תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה', מְמֵילָא וֶועט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן

פַאר זְכוּתִים און מִצְוֹות, און עֶס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן גָארְנִישְׁט פון דִי עֲבֵירוֹת.

דָאס זֶעהְט מֶען אוֹיךְ בַּיי דִי סוּכָּה, וַוייל דֶער עִיקָר פון דִי סוּכָּה אִיז דָאךְ דִי סְכַךְ, וָואס דָאס וֶוערְט גֶעמַאכְט פון: 'פְּסֹלֶת גֹּרֶן וְיֶקֶב' (סוּכָּה יב ע"א), זָאגְן צַדִיקִים (בְּנֵי יִשָּׂשֹכָר, תִּשְׁרֵי, מַאֲמַר י, אוֹת כב;): דָאס קוּמְט צוּ וַוייזְן אַז פון אַלֶע אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת, וָואס דָאס אִיז דִי 'פְּסֹלֶת' - אָפְּפַאל, וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּעֶן, וֶוערְט יֶעצְט - נָאךְ יוֹם כִּפּוּר וָואס מִיר הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּעֶן - מִצְוֹות, און מֶען נוּצְט עֶס אִין דִי סוּכָּה פַאר סְכַךְ.

דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (פַּרְשַׁת וַיְחִי דַף רכא ע"א; תִּקוּנֵי זֹהַר דַף כט ע"א): רוּפְט אָן דִי ד' מִינִים 'מָאנָא קְרָבָא', דִי גֶעוֶוער פון אַ אִיד. אַז יֶעדֶער אִיד וָואס הַאלְט אִין זַיינֶע הֶענְט דִי ד' מִינִים, הָאט עֶר גֶעוֶוער אִין זַיינֶע הֶענְט, וָואס דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט גֶעוִוינֶען. פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, בִּרְכַּת הָרְאִיָּה וּפְּרָטִיוּת, ה, יט): דֶער סֵדֶר אִיז דָאךְ בַּיי אַ מִלְחָמָה, אַז נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט שׁוֹין בַּאזִיגְט און

גֶעוִוינֶען, דֶעמָאלְטְס הֵייבְּט מֶען דִי פֶענֶער, אוּן מֶען פַּייפְט מִיט טְרָאמְפֵּייטֶערְס, אָבֶער אַז מֶען הַאלְט נָאךְ דִי גֶעוֶוער, אִיז אַ סִימָן אַז מֶען הַאלְט נָאךְ אִינְמִיטְן דִי מִלְחָמָה?! נָאר עֶנְטְפֶערְט עֶר: בְּרוּחָנִיּוּת, ווילַאנְג אַ אִיד גֶעט נִישְׁט אוֹיף, אוּן עֶר הַאלְט נָאךְ דִי גֶעוֶוער, אוּן אִיז מְקַיֵּים דִי מִצְוַת ד׳ מִינִים, אִיז עֶר שׁוֹין אַ גֶעוִוינֶער אוּן עֶר בַּאזִיגְט דֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם.

דֶער הֵיילִיגֶער רָאפְּשִׁיצֶער רָב זי״ע הָאט גֶעזָאגְט: מִיט דֶעם וָואס מֶען הַאלְט דִי ד׳ מִינִים אִין דִי הֶענְט, הַאלְט מֶען כַּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי הֶענְט, וַוייל דִי ד׳ מִינִים אִיז אַקֶעגְן דֶעם שֵׁם הֲוָיָ״ה (בֵּית יוֹסֵף סִימָן תרנ״א בְּשֵׁם הָרִיקַאנְטִ״י, הוּבָא בְּטוּרֵי זָהָב סִימָן תרנ״ד, סְעִיף קָטָן י״ד): וֶועגְן דֶעם אִיז דֶעמָאלְטְס אַ מוֹרָא׳דִיגֶער עֵת רָצוֹן, אוֹיסְצוּבֶּעטְן וָואס מֶען וִויל (וְעַיֵּין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, שָׁם). דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעהַאלְטְן אַ מַצָּה אִין דִי הַאנְט, אוּן אִיז גֶעוָוארְן מוֹרָא׳דִיג פַארְפְלַאמְט אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: ׳אַז מֶען הַאלְט ׳מַצָּה׳ אִין הַאנְט, הַאלְט מֶען ׳גָאט׳ אִין הַאנְט׳. וַוייל עֶסְן מַצָּה אִיז דָאךְ אַ מִצְוָה, אוּן דָאס אִיז דֶעם בַּאשֶׁעפֶער׳ס רָצוֹן, קוּמְט

אוֹיס אַז 'אִיךְ הַאלְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער'. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוען מֶען הַאלְט דִי ד' מִינִים, וָואס דָאס אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'ס רָצוֹן, הַאלְט מֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אִין דִי הֶענְט (עַיֵּין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פַּרְשַׁת וַיְחִי, דַף רכ ע"ב). דָאס זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיי אַלֶע אַנְדֶערֶע מִצְווֹת, וִוי לְמָשָׁל: צִיצִית, תְּפִילִין, דַארְף מֶען זִיךְ מוֹרָא'דִיג פְרֵייעֶן וֶוען מֶען טוּט דִי מִצְוָה, וַוייל מֶען טוּט דֶעמָאלְטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'ס רָצוֹן, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער שִׂמְחָה! נָאר דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּבְּרֶעכְט אַזוֹי שְׁטַארְק אַ מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אִים אַרַיין אִין אַזַא יִאוּשׁ, אַז עֶר כַאפְּט נִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט אוּן חֲשִׁיבוּת פוּן יֶעדֶע מִצְוָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד): עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ קוּמֶען פוּן אַ 'לֵב נִשְׁבָּר' צוּ 'עַצְבוּת', וִוי צוּ קוּמֶען פוּן 'שִׂמְחָה' צוּ 'הוֹלֵלוּת'. דָאס הֵייסְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט מוֹרָא זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן, וַוייל עֶר וֶועט קוּמֶען נָאכְדֶעם צוּ הוֹלֵלוּת, לֶערְנְט אוּנְז אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיס, אַז מֶען דַארְף מֶער מוֹרָא הָאבְּן מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין קֵיין

עַצְבוּת, וַוייל דֶער עִיקָר דַארְף אַ אִיד זֶעהְן, צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט יֶעדֶע גוּטֶע נְקוּדָה וָואס עֶר הָאט, בִּפְרַט מִיט דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִיד בָּרוּךְ הַשֵּׁם, וָואס מִיט דֶעם אַלֵיין דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין, אַזוֹיוִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י').

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז מַסְבִּיר (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת הִלְכוֹת הוֹדָאָה הֲלָכָה ו'): דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן א): דֶער 'יֵצֶר הָרַע' אִיז זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ בְּמִצְוֹות. אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם קוּמְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, אוּן רֶעדְט אִים צוּ, צוּ הָאבְּן אַ לֵב נִשְׁבָּר! אוּן אִיז אִים מַסְבִּיר: דָאס אִיז אִין הִימְל מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב וְכוּ' אוּן אַז דוּ וֶועסְט זַיין צוּפִיל פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ נָאךְ קוּמֶען צוּ הוֹלֵלוּת; אָבֶּער דוּרְכְדֶעם בְּרֶענְגְט עֶר אִים נָאכְדֶעם צוּ עַצְבוּת, וָואס דָאס אִיז נָאךְ עֶרְגֶער פוּן אַלֶעם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' בָּרוּךְ פוּן מֶעזִיבוּז זי"ע [וָואס וִוי בַּאוואוּסְט הָאט עֶר גֶעהַאט אַ נִיצוֹץ נְשָׁמָה

פוּן שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ, אוּן עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן פוּן שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ, ווִי אוֹיךְ וֶוען עֶר פְלֶעגְט זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים עֶרֶב שַׁבָּת אִיז דָאס גֶעוֶוען מִיט אַ אוֹיסְנַאם מוֹרָא׳דִיגֶע פְלַאם] הָאט אַמָאל פַארְצֵיילְט: שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ הָאט אַמָאל אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל גֶעטְרָאפְן דֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם זֵייעֶר צוּטְרָאגְן, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: פַארְוָואס בִּיזְטוּ אַזוֹי צוּטְרָאגְן?! זָאגְט עֶר אִים: אִיךְ אַרְבֶּעט אַ גַאנְץ יָאר אַרַיינְצוּכַאפְּן מֶענְטְשְׁן מִיט אַלֶע שְׁמוּץ וְכוּ׳ רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, הֵייבְּן אִידְן אָן תְּשׁוּבָה צוּ טוּעֶן, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר, מַאכְט מֶען מִיר טוֹיבּ, אוּן מֶען צוּמִישְׁט מִיר, אוֹיבּ אִיז דָאס נִישְׁט גֶענוּג, קוּמְט נָאכְדֶעם יוֹם הַקָדוֹשׁ, וָואס דֶעמָאלְטְס הַרְגֶ׳עט מֶען מִיר אִינְגַאנְצְן, אוּן זֵיי זֶענֶען נָאכְנִישְׁט פַארְטִיג מִיט דֶעם, נָאר וֶוען עֶס קוּמְט סוּכּוֹת צוּשְׁטֶעכְן זֵיי מִיר, אוּן אִיךְ טוּ גָארְנִישְׁט אוֹיף מִיט זֵיי, זָאל אִיךְ נָאךְ זַיין פְרֵיילֶעךְ?!

אֵיין יָאר טְרֶעפְט שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ דֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם פְרֵיילֶעךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט, פְרֶעגְט עֶר אִים: פַארְוָואס

בִּיזְטוּ אַזוֹי פְרֵיילֶעךְ?! פַארְוָאר הָאסְטוּ דִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז מֶען שְׁטֶעכְט אַרֵיין אִין דִיר?! עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם: אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ עֵצָה; אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ לָאךְ, אִין דִי שִׁיף אִין וָואס מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי אֶתְרוֹגִים, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן פִיל מִיט וַואסֶער, אוּן אַלֶע אֶתְרוֹגִים זֶענֶען חָרוּב גֶעוָוארְן, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא כִּמְעַט צוּ בַּאקוּמֶען קַיין אֶתְרוֹגִים!

נָאךְ סוּכּוֹת זֶעהְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, אַז עֶר אִיז שׁוֹין וַוייטֶער טְרוֹיעֶרִיג, פְרֶעגְט עֶר אִים: פַארְוָואס בִּיזְטוּ שׁוֹין וַוייטֶער טְרוֹיעֶרִיג? הָאסְט דָאךְ אָנְגֶעמַאכְט אַ גוּטְן שְׁפִּיצְל?! זָאגְט עֶר אִים: עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן צְוֵויי דְרֵיי אֶתְרוֹגִים, וָואס אִידְן הָאבְּן בַּאצָאלְט פַאר דֶעם שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער, אוּן אַלֶע אִידְן הָאבְּן זִיךְ גֶערִיסְן מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי מִצְוָה, אוּן גֶעשְׁטַאנֶען אִין לַאנְגֶע רֵייעֶס, אוּן אֵיינֶער הָאט מְזַכֶּה גֶעוֶועזְן דֶעם אַנְדֶערְן כְּדֵי מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי מִצְוָה פוּן ד' מִינִים, אוֹיבּ אַזוֹי וָואס הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעטוּעֶן מִיט מַיין גַאנְצֶע שְׁפִּיצְל?!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קכה): אִידְן זֶענֶען אַ מֵבִין אוֹיף אַ מִצְוָה, אוּן אַז מֶען זֶעהְט, אַז פּוּנְקְט אוֹיף אַ אֶתְרוֹג לָאזְן זִיךְ אִידְן קָאסְטְן אַזוֹיפִיל גֶעלְט, וַוייזְט דָאס אוֹיף דִי מוֹרָא'דִיגֶער חֲשִׁיבוּת פוּן דֶער מִצְוָה. וֶועגְן דֶעם דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ מוֹרָא'דִיג פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע מִצְוָה, בִּפְרַט מִיטְן אֶתְרוֹג אוּן לוּלָב, וַוייל מִיט דֶעם דֶערְשְׁטִיקְן מִיר דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם אִינְגַאנְצְן.

ג.

דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִים שַׁעַר חַג הַסֻּכּוֹת, פֶּרֶק ג-ד): דִי פִיר טֶעג דַארְף מֶען גֶעבְּן אַסַאךְ צְדָקָה, בִּפְרַט עֶרֶב סוּכּוֹת; אוּן דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ אַלֵיין, פְלֶעגְט גֶעבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ צְדָקָה עֶרֶב סוּכּוֹת, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן דֶעם בַּייטְל אָפֶען, אוּן יֶעדֶער אָרִימַאן וָואס אִיז גֶעקוּמֶען נָאךְ צְדָקָה הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: נֶעמְט וִויפִיל אִיר וִוילְט!

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דֶער גְרוֹיסֶער עִנְיָן פוּן גֶעבְּן צְדָקָה דַוְוקָא אִין דִי פִיר טֶעג? נָאר אִין דִי

תְּפִילוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג זָאגְן מִיר: ׳לְךָ ה׳ הַצְדָקָה׳; ׳לְלוֹבֵשׁ צְדָקוֹת בְּיוֹם דִין׳, וְכוּ׳, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט צְדָקָה מִיט יֶעדְן אִיד, אוּן עֶר שְׁרַייבְּט אִים אָן אַ גוּט יָאר, דֶערְפַאר יֶעצְט וֶוען מִיר גֵייעֶן אַרוֹיס פוּנֶעם יוֹם הַדִין, וַוייזְן מִיר פַאֹרְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען מַכִּיר טוֹבָה, פַאר דִי אַלֶע חֲסָדִים אוּן גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן, אוּן מִיר גֵייעֶן אוֹיךְ אוֹיף דֶעם וֶועג, אוּן מִיר זֶענֶען מַמְשִׁיךְ צוּ גֶעבְּן אַסַאךְ צְדָקָה, וָואס פוּן דִי אַלֶע צְדָקוֹת וָואס אַ אִיד טוּט, מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דֶערְפוּן אַ מַלְבּוּשׁ, וָואס מִיט דֶעם קֶען זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אַרוּמְנֶעמֶען.

מֶען דַארְף וִויסְן אַז ׳צְדָקָה׳ אִיז אַ ׳מִצְוָה׳ פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי לֵייגְן תְּפִילִין אוּן גֵיין מִיט צִיצִית; דָאס אִיז אַ מִצְוָה עֲשֵׂה, וָואס הָאט נָאךְ אַן עֶקְסְטֶערֶע כֹּחַ, אַז דָאס אִיז מְקַרֵב דִי גְאוּלָה (בָּבָא בַּתְרָא דַף י ע״א). אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן טוֹיט (שָׁם), אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי י, ב): **וּצְדָקָה תַּצִּיל מִמָּוֶת**. מִיט דֶעם אַלֶעם קֶען דוּרְכְגֵיין אַ וָואךְ, אַ חוֹדֶשׁ אוּן אֲפִילוּ אַ

יָאר, אוּן אַ מֶענְטְשׁ גֶעט נִישְׁט קַיין צְדָקָה, מִיטְן אוֹיסְרֵייד אַז עֶר הָאט נִישְׁט. זָאגְט אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, תְּרוּמוֹת וּמַעַשְׂרוֹת, הֲלָכָה ג׳): אַז אַסַאךְ מָאל פוּן 'רִיבּוּי אוֹר', טוּט אַ מֶענְטְשׁ גָארְנִישְׁט; דָאס הֵייסְט וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וִויל טוּעֶן זֵייעֶר אַסַאךְ, טוּט עֶר נָאכְדֶעם גָארְנִישְׁט. אוּן עֶר כַּאפְּט אוֹיךְ אָן דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה; אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן, דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן גֶעבְּן אֵיין פְּרוּטָה פַאר צְדָקָה, וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעגֶעבְּן צְדָקָה.

[דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קמא): וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר, אוּן גֶעבְּן פַאר מַיינֶעט וֶועגְן אַ פְּרוּטָה פַאר צְדָקָה, אוּן זָאגְן דִי צֶעהְן קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [תִּיקוּן הַכְּלָלִי], וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דֶער לֶענְג אוּן אוֹיף דֶער בְּרֵייט אִים צוּ הֶעלְפְן, אוּן אִיךְ וֶועל אִים אַרוֹיס שְׁלֶעפְּן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית; זֶעהְט מֶען אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט נָאר גֶעבֶּעטְן אֵיין פֶּענִ"י, כָאטְשִׁיג דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואלְט גֶעקֶענְט בֶּעטְן מֶער, אַכְצֶען דָאלֶער (18), וְכוּ', אוּן יֶעדֶער וָואלְט זִיכֶער גֶעגֶעבְּן וִויפִיל מֶען זָאל אִים

בֶּעטְן, וַוייל וָואס טוּט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ אַז מֶען זָאל אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן גֵיהִנוֹם.]

עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן צ״ב, סְעִיף י): מֶען זָאל גֶעבְּן צְדָקָה פַארְן דַאוְֶוענֶען, אוּן דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שַׁעַר הַכַּוָּונוֹת תְּפִלַּת הַשַּׁחַר, דַף י״ח): וֶוען מֶען זָאגְט בַּיים דַאוְֶוענֶען: ׳וְאַתָּה מוֹשֵׁל בַּכֹּל׳, זָאל מֶען גֶעבְּן צְדָקָה. פַאר מֶען זָאגְט תִּיקוּן הַכְּלָלִי גֶעט מֶען אוֹיךְ אַ פְּרוּטָה. עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה דַף קנג ע״ב): אַז אַ מֶענְטְשׁ רוּפְט אַ גַאסְט צוּם עֶסְן, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ בֶּענְטְשְׁט מִיט אַ שִׂמְחָה, גֵייט אַרוֹיס אַ כְּרוּז (יְחֶזְקֵאל מא, כב): ׳זֶה הַשֻּׁלְחָן אֲשֶׁר לִפְנֵי ה׳׳. אָבֶּער אַזוֹיוִוי עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ רוּפְן אַן אוֹרַח, זָאל מֶען כָאטְשׁ לֵייגְן עֶפֶּעס צְדָקָה אִינֶעם פּוּשְׁקֶע, אוֹיךְ גֶעט אַ פְּרוּי צְדָקָה פַאר לִיכְט צִינְדְן, אוּן אַזוֹי בַּיי יֶעדֶער גֶעלֶעגְנְהַייט.

נָאר דִי סִבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ גֶעט נִישְׁט צְדָקָה אִיז, וַוייל עֶר טְרַאכְט: אִיךְ בִּין דָאךְ פִיל מִיט עֲבֵירוֹת, אוּן כְּדֵי אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי מִצְוָה פוּן

צְדָקָה, דַארְף אִיךְ דָאךְ גֶעבְּן גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער, אוּן דָאס הָאט עֶר נִישְׁט, מְמֵילָא גֶעט עֶר גָארְנִישְׁט, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט מְקַיֵים דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה. דֶער רַמְבַּ״ם זָאגְט (פֶּרֶק ז מֵהִלְכוֹת מַתְּנוֹת עֲנִיִם, הֲלָכָה ה): אוּן אַזוֹי וֶוערְט אוֹיךְ גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ״ח סְעִיף א): אֲפִילוּ אַן אָרִימַאן אִיז מְחוּיָב צוּ גֶעבְּן צְדָקָה יֶעדְן טָאג. אוּן עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר, וַוייל וִויפִיל מֶען גֶעט נָאר הָאט מֶען אַ מִצְוָה, דִי גְמָרָא זָאגְט (בָּבָא בַּתְרָא דַף ט ע״ב): **׳פְּרוּטָה פְּרוּטָה מִצְטָרֶפֶת׳**, דִי אַלֶע פְּרוּטוֹת שְׁטֶעלְן זִיךְ צַאם צוּ אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם. אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, גֵייט אִים פָארְאוֹיס דִי צְדָקָה וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן, אוּן עֶס קוּמְט אִים גוּט צוּנִיץ, אַזוֹיוִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָה נח, ח): **׳וְהָלַךְ לְפָנֶיךָ צִדְקֶךָ׳**. אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן וָואס עֶר קֶען אוֹיפְטוּעֶן מִיט דִי פָּאר פְּרוּטוֹת, אוּן וָואסֶערֶע הַצְלָחָה דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען נָאךְ זַיין פְּטִירָה, וָואלְט עֶר גֶעגֶעבְּן יֶעדְן טָאג צְדָקָה, נָאר דֶעמָאלְטְס אִיז שׁוֹין צוּ שְׁפֶּעט.

און אַזוֹי אִיז מִיט יֶעדֶע זַאךְ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערְנְט, וָואלְט עֶר גֶענוּמֶען אַ חוּמָשׁ און גֶעלֶערְנְט צְוֵויי דְרֵיי פְּסוּקִים, און אֲפִילוּ נָאר אֵיין פָּסוּק, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ זוּטָא, סוֹף פֶּרֶק ב): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט נָאר דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לו, כב): 'וַאֲחוֹת לוֹטָן תִּמְנָע' אַ גַאנְצְן טָאג, הָאט עֶר אוֹיךְ מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה, [דֶער טַעַם פַארְוָואס חַזַ"ל כַאפְּן אָן פוּנְקְט 'דֶעם' פָּסוּק, וַוייל דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (לֶךְ לְךָ דַף פ ע"ב): טַייטְשְׁט דָאס וָוארְט 'לוֹט' אַ לָשׁוֹן פוּן 'קְלָלָה' (לְטוּתָא), און דָאס וָוארְט 'אֲחוֹת' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן בַּאהֶעפְטְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה לט, ג), און דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן: אַז וֶוען עֶס קוּמְט זִיךְ צוּ 'מְחַבֵּר' זַיין צוּ אַ 'קְלָלָה', 'תִּמְנָע' זָאלְסְטוּ זִיךְ 'מוֹנֵעַ' זַיין, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת קְלָלָה חֵלֶק ב סִימָן א): אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ שֶׁעלְטְן קוּמְט פוּן 'עוֹלָם הַתֹּהוּ'; דָאס הֵייסְט זַיין מֹחַ אִיז פּוּסְט און לֵיידִיג, און וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶס דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, וָואס פִירְט יֶעדֶע זַאךְ. און –

פַארְקֶערְט - אַ מֶענְטְשׁ וָואס בֶּענְטְשְׁט שְׁטֶענְדִיג, עֶר קוּמְט פוּן 'עוֹלָם הַתִּקּוּן'; דָאס הֵייסְט, עֶר לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז יֶעדֶע זַאךְ וֶוערְט גֶעפִירְט דוּרֶעכְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.]

נָאר פַארְוָואס דֶען לֶערְנְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ?! וַוייל עֶר טְרַאכְט: וָואס הָאב אִיךְ פוּן אֵיין פָּסוּק, אִיךְ דַארְף דָאךְ לֶערְנֶען גַאנְץ תַּנַ"ךְ?! מִמֵילָא לֶערְנְט עֶר גָארְנִישְׁט, אָבֶּער אַז עֶר וֵוייסְט אַז קֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, אַזוֹי וְוי חֲזַ"ל זָאגְן (בַּמִדְבָּר רַבָּה כא, טו): פַארְוָואס אִיז דִי תּוֹרָה צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ תְּאֵנָה-פַייג? וַוייל דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶער בּוֹים וָואס דִי פֵּירוֹת וֶוערְן גֶעצַייטִיגְט צוּבִּיסְלֶעךְ דָא אַבִּיסְל, דָארְט אַבִּיסְל; אַזוֹי אוֹיךְ, דִי תּוֹרָה וֶוערְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אִין אֵיין טָאג, נָאר הַיינְט אַבִּיסְל, מָארְגְן אַבִּיסְל, בִּיז מֶען הָאט דוּרְכְגֶעלֶערְנְט גַאנְץ תַּנַ"ךְ.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט מִשְׁנַיוֹת, פַארְוָואס לֶערְנְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ מִשְׁנַיוֹת? וַוייל עֶר טְרַאכְט: אִיךְ וָואלְט גֶעדַארְפְט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אִין

אֵיין טָאג! אָבֶער אַז אַ מֶענְטְש וֵוייסְט אַז מֶען בֶּעהְט נִישְׁט פוּן אִים נָאר וִויפִיל עֶר קֶען, כַאפְּט עֶר אַרוֹיס אֵיין מִשְׁנָה, נָאךְ אַ מִשְׁנָה, אוּן אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעךְ לֶערְנְט עֶר אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק, וָואס דָאס אִיז זַיין פַארְמֶעגְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט גְמָרָא; הֵייבּ אָן צוּ לֶערְנֶען אֵיין שְׁטִיקֶעלֶע גְמָרָא, נָאךְ אַ שְׁטִיקֶעלֶע, אוּן אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעךְ קוּמְט מֶען אָן מֶער אוּן מֶער, אוּן מֶען פַאנְגְט אָן צוּ שְׁפִּירְן דָאס זִיסְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה, בִּפְרַט אַז אַ מֶענְטְש אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט אַ דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג, אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, אוּן דָאס אִיז זַיין חַיּוֹת.

דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מַסְבִּיר (שָׁם): וִויבַּאלְד אַ מֶענְטְש בְּלָאזְט אוֹיף, עֶר ווִיל זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן דָאס קֶען עֶר טַאקֶע נִישְׁט יֶעצְט, טוּט עֶר גָארְנִישְׁט; אָבֶער אַ מֶענְטְש דַארְף וִויסְן אַז יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א): נָאכְדֶעם וָואס דֶער 'שֵׁנִי לְמֶלֶךְ' אִיז שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען יָארְן אוּן יָארְן, צוּ זוּכְן דִי 'בַּת מֶלֶךְ', אוּן עֶר אִיז שׁוֹין

אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אַלֶע מְנִיעוֹת, וָואס מֶען הָאט אִים אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט, און מֶען הָאט אִים שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אוֹיסְגֶעזָאגְט וואו עֶס גֶעפוּנְט זִיךְ דֶער גָאלְדֶענֶער בַּארְג מִיטְן פֶּערְל׳דִיגְן שְׁלָאס, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: וָואס אִיז דָארְט טַייעֶר? הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: דָארְטְן אִיז אַלֶעס טַייעֶר! הָאבּ אִיךְ דָאס אַמָאל גֶעטַייטְשְׁט: אַז דָארְט אִין הִימְל אִיז יֶעדֶע זַאךְ טַייעֶר.

דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ״א זי״ע אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן חוֹל הַמוֹעֵד סוּכּוֹת, הַאלְטֶענְדִיג אִין דִי הֶענְט דִי ד׳ מִינִים, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אָפְּשֵׁיידְן פוּן דֶעם; [אִין גְמָרָא שְׁטֵייט (סוּכָּה דַף מ״א ע״ב): דִי אִידְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם, פוּן גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי מִצְוָה, הָאבְּן זֵיי גֶעהַאלְטְן דִי ד׳ מִינִים אִין דִי הֶענְט אַ גַאנְצְן טָאג, עֶס אִיז גֶעוֶוען צַדִיקִים וָואס דִי ד׳ מִינִים אִיז גֶעלֶעגְן אוֹיפְן טִישׁ אַ גַאנְצְן טָאג, און פְלֶעגְן שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף דֶעם.]

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הֶערְשֶׁעלֶע זִידִיטְשׁוֹבֶער בַּעַל עֲטֶרֶת צְבִי זי״ע, הָאט אַמָאל גֶעטַייטְשְׁט (הוּבָא בְּסֵפֶר

אַיָלָה שְׁלוּחָה פַּרְשַׁת תָבוֹא;): דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים כח, סז): **בַּבֹּקֶר תֹּאמַר מִי יִתֵּן עֶרֶב, וּבָעֶרֶב תֹּאמַר מִי יִתֵּן בֹּקֶר** – צוּפְרִי וֶועט עֶר זָאגְן הַלְוַואי זָאל שׁוֹין זַיין בַּיינַאכְט, בַּיינַאכְט וֶועט עֶר זָאגְן הַלְוַואי זָאל שׁוֹין זַיין צוּפְרִי; אִיז עֶר דָאס מַסְבִּיר: **'בַּבֹּקֶר תֹּאמַר מִי יִתֵּן עֶרֶב'** גֵייט אַרוֹיף, אוֹיף עֶרֶב פֶּסַח אִינְדֶערְפְרִי, נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט פַארְבְּרֶענְט דֶעם חָמֵץ אוּן מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט עֶסְן קַיין שׁוּם סְעוּדָה בִּיז בַּיינַאכְט, אוּן מֶען קוּקְט אַרוֹיס וֶוען וֶועט שׁוֹין קוּמֶען בַּיינַאכְט, אוּן מֶען וֶועט קֶענֶען טוֹעֵם זַיין דִי כַּזֵיתִים מַצָה. אוּן **'בָּעֶרֶב תֹּאמַר מִי יִתֵּן בֹּקֶר'** גֵייט אַרוֹיף אוֹיף סוּכּוֹת בַּיינַאכְט, אַז מֶען קֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן, אוּן מֶען וַוארְט נָאר אַז עֶס זָאל שׁוֹין וֶוערְן טָאג, מֶען זָאל קֶענֶען שָׁאקְלֶען מִיט דִי ד' מִינִים. אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע, אַז עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן דֶעם אֶתְרוֹג אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אוּן נָאר גֶעוַוארְט אַז עֶר זָאל שׁוֹין קֶענֶען שָׁאקְלֶען, (יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים): אוּן דָאס דֶערְצֵיילְט מֶען אוֹיךְ אוֹיף נָאךְ צַדִיקִים.

דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפָר זי״ע זָאגְט (דְרָשׁוֹת חֲתַ״ם סוֹפָר חֵלֶק א׳, דַף נב): אוֹיף דֶעם וָואס דִי חֲזַ״ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא אֱמוֹר כב): אוֹיף דֶעם פָּסוּק (וַיִקְרָא כג, מ) וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן וְכוּ׳: ׳רִאשׁוֹן לְחֶשְׁבּוֹן עֲווֹנוֹת׳, סוּכּוֹת הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ נַייעֶ חֶשְׁבּוֹן אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת; אַז יוֹם הַקָדוֹשׁ הָאט מֶען אַרוֹיף גֶעלֵייגְט אַלֶע עֲווֹנוֹת אוֹיפְן שָׂעִיר לַעֲזָאזֵל, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן קַיין שׁוּם חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל עֲבֵירוֹת מֶען הָאט, אוּן אוֹיבּ דָאס אִיז אַ קְלֶענֶערֶע עֲבֵירָה אָדֶער אַ גְרֶעסֶערֶע עֲבֵירָה, וַוייל מְמֵילָא גֵייט מֶען אַלֶעס אַרוֹיף לֵייגְן אוֹיפְן שָׂעִיר לַעֲזָאזֵל, עֶר זָאל זִיךְ אָפְּטְרָאגְן דֶערְמִיט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַלֶעס מוֹחֵל זַיין, אָבֶּער יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אוּן מֶען גֵייט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט דִי אַלֶע מִצְווֹת, אוּן דִי אַלֶע עֲבֵירוֹת גֵייעֶן וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוֹיף מִצְווֹת, נֶעמְט מֶען אַפִּיר דִי אַלֶע עֲבֵירוֹת מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן, כְּדֵי צוּ זֶעהְן וִויפִיל זְכוּתִים מֶען הָאט. וֶועגְן דֶעם פִירְט אוֹיס דֶער

**פָּסוּק:** (שָׁם) **וּשְׂמַחְתֶּם לִפְנֵי ה׳ אֱלֹקֵיכֶם;** מֶען זָאל זַיין אוֹיסְטֶערְלִישׁ פְרֵיילֶעךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זי״ע הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶועזְן אַ גַאנְצֶע סֵפֶר (שִׁירַת מֹשֶׁה), פוּן שִׁירִים אוֹיף שַׁבָּת אוּן יָמִים טוֹבִים, וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף קַבָּלָה; הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט זַיין זוּהְן הַגָּאוֹן הַקָדוֹשׁ רֶבִּי שִׁמְעוֹן סוֹפֵר דֶער קְרָאקָא רָב זי״ע, וֶוען הָאט עֶר דָאס מְחַבֵּר גֶעוֶוען? וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעזֶעצְן מִיט תַּלְמִידִים אוּן גֶעלֶערְנְט, אֲפִילוּ יוֹם הַקָדוֹשׁ בַּיינַאכְט, נָאר אֵיינְמָאל אַ יָאר ׳תִּשְׁעָה בְּאָב׳, אִיז גֶעוֶוען אַ הֶפְסֵק, הָאט עֶר גֶעזָאגְט, אַז עֶר הָאט דָאס גֶעפְרֶעגְט אַמָאל פוּנֶעם טַאטְן, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: אַז דִי פִיר טֶעג צְוִוישְׁן יוֹם הַקָדוֹשׁ אוּן סוּכּוֹת, הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מְצַמְצֵם זַיין צוּ גָארְנִישְׁט, פוּן גְרוֹיס דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר דֶעמָאלְטְס מְחַבֵּר גֶעוֶוען זַיינֶע שִׁירִים.

זֶעהְן מִיר פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי פִיר טֶעג, וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ מוֹרָא׳דִיג מְחַיֶה זַיין, מִיט

דֶעם וָואס מֶען קוֹיפְט דִי ד׳ מִינִים, אוּן מֶען בּוֹיעֶט דִי סוּכָּה, וָואס דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

ד.

עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְבָרִים לב, א): **הַאֲזִינוּ הַשָּׁמַיִם וַאֲדַבֵּרָה וְגוֹ׳**. משֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט פַאר דִי אִידְן: הֶערְטְס אוֹיס וָואס אִיךְ גֵיי עֶנְק יֶעצְט זָאגְן, אִיךְ נֶעם דִי הִימְל מִיט דִי עֶרְד פַאר צְוֵויי עֵדוּת, אַז אוֹיבּ וֶועט אִיר פָאלְגְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, וֶועט זַיין שֶׁפַע, אוּן אַלֶע בְּרָכוֹת וֶועט קוּמֶען אוֹיף עֶנְק, אָבֶער אוֹיבּ וֶועט אִיר נִישְׁט פָאלְגְן, דֶעמָאלְטְס רַחְמָנָא לִצְלָן, וֶועט זִיךְ אָנְהֵייבְּן דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע זַאכְן, נָאר אֲפִילוּ דֶעמָאלְטְס, זָאלְט עֶטְץ נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, נָאר וִויסְן (דְבָרִים ל״ב ד): **׳הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט, אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא**, וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט אִיז רִיכְטִיג, אוּן עֶס דַארְף אַזוֹי צוּ זַיין.

זָאגְט רַשִׁ״י הַקָדוֹשׁ (דְבָרִים לב, א): אַ מוֹרָא׳דִיגֶער דִיבּוּר: משֶׁה הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ בִּין נִישְׁט מֶער וִוי אַ ׳בָּשָׂר וָדָם׳, מָארְגְן גֵיי אִיךְ אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן

אוֹיבּ וֶועלְן דִי אִידְן זָאגְן: מִיר גֶעדֶענְקְן שׁוֹין נִישְׁט וָואס משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט, אוּן זֵיי וֶועלְן דָאס אָפְּלֵייקֶענֶען, וֶועגְן דֶעם נֶעם אִיךְ פַאר עֵדוּת דִי הִימְל מִיט דִי עֶרְד, וָואס דָאס בְּלַייבְּט וִוילַאנְג דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אָנְהַאלְטְן דִי וֶועלְט; דָאס הֵייסְט, משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעוָואלְט אִין אוּנְז אַרַיינְבְּרֶענְגֶען, מֶען זָאל וִויסְן: עֶס וֶועט קוּמֶען אֵיין טָאג, וָואס מֶען וֶועט מוּזְן אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט. אָבֶּער רוֹב מֶענְטְשְׁן ווילְן נִישְׁט הֶערְן פוּן דֶעם, וַוייל עֶס מַאכְט זֵיי מָרָה שְׁחוֹרָה, אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס דַארְף אַרַיינְגֶעבְּן אִין אַ מֶענְטְשׁ אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שִׂמְחָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה טַייטְשְׁט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת פֶּסַח, ט): דָאס וָואס חֲזַ״ל פַארְצֵיילְן (בְּרָכוֹת לא ע״א): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ חֲתוּנָה, הָאבְּן דִי חֲכָמִים גֶעזָאגְט פַאר רַב הַמְנוּנָא זוּטָא: זִינְג אוּנְז עֶפֶּעס אַ נִיגוּן! הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ נִיגוּן: ׳וַוי לָן דְמִיתְנָן, וַוי לָן דְמִיתְנָן׳, וֵויי אִיז אוּנְז, מִיר גֵייעֶן שְׁטַארְבְּן; פְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, דָאס הֵייסְט אַ נִיגוּן? אִיז עֶר דָאס מַסְבִּיר: אַז אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט,

אַז מֶען אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר אוֹיף אַ קוּרְצֶע צַייט, אוּן וָואסֶערֶע שִׂמְחָה דָאס אִיז אַז מֶען קֶען נָאךְ דָא אוֹיף דֶעם נִידֶערִיגְן וֶועלְט, אַרַיינְכַאפְּן אַזוֹיפִיל גוּטְס, מְמֵילָא וֶוען עֶר טְרַאכְט פוּן יוֹם הַמִּיתָה פְרֵיידְט עֶר זִיךְ, מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע נְקוּדָה פוּן זַיין אִידִישְׁקֵייט. אַז עֶר גֵייט מִיט צִיצִית, עֶר הָאט אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, מְזוּזָה, עֶר קוּמְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, עֶר זָאגְט אָמֵן יְהֵא-שְׁמֵיהּ-רַבָּה מִיט קְדוּשָׁה אוּן בָּרְכוּ, וָואס דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען דָאךְ גְרוֹיסֶע פַארְמֶעגְנְס, אוּן עֶס וֶוערְט פוּן דֶעם בַּאשַׁאפְן מִילֵי מִילְיָאנֶען מַלְאָכִים, נָאר דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְבְּלֶענְד זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי אוֹיגְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, בִּפְרַט אַז מֶען נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן, צוּמִישְׁט דָאס אִים דֶעם מֹחַ, אוּן עֶר פַאלְט אַרַיין אִין עַצְבוּת, אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילֶעךְ מִיט זַיינֶע מִצְוֹות, פַארְבְּרֶענְט עֶר אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ זַיינֶע עֲבֵירוֹת (עַיֵין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן קס"ט; צ).

בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט דִי יוֹם טוֹב סוּכּוֹת וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט בְּפֵירוּשׁ (דְבָרִים טז, יד): 'וְשָׂמַחְתָּ

בְּחַגֶךָ׳, דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם וָואס מִיר גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי סוּכָּה. אַזוֹי וִוי צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט: סוּכָּה אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע מִצְוָה וָואס אַ מֶענְטְש גֵייט אִינְגַאנְצְן אַרַיין אִין דֶעם, מִיט דִי שְׁטִיוְול. [כָּאטְשִׁיג אִין אַ מִקְוָה, גֵייט דֶער מֶענְטְש אוֹיךְ אִינְגַאנְצְן אַרַיין, בִּיז עֶר וֶוערְט אִיבֶּערְגֶעדֶעקְט מִיט וַואסֶער, וָואס דָאס אִיז דִי טַהֲרָה, דָאךְ אָבֶּער אִין מִקְוָה דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיסְטוּעֶן, אָבֶּער אִין דִי סוּכָּה גֵייט מֶען אַרַיין מִיט דִי שְׁטִיוְול.] אוּן וֶוען עֶר קוּמְט אַרַיין אִין דִי סוּכָּה, אִיז עֶר אִינְגַאנְצְן אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווייל סוּכּוֹת וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן (שְׁמוֹת כג, טז; לד, כב): ׳חַג הָאָסִיף׳, וָואס דֶעמָאלְטְס נֶעמְט מֶען צַאם אוּן מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין אַלֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מֶען הָאט, אִין דִי סוּכָּה, אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ דֶערְמִיט, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער תַּעֲנוּג, וֶועגְן דֶעם וֶוען מֶען זִיצְט אִין דִי סוּכָּה שְׁפִּירְט מֶען אַן אַנְדֶערְן טַעַם, אוּן בִּפְרַט אוֹיב אַ מֶענְטְש אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, אוּן עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי סוּכָּה, שְׁפִּירְט עֶר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער לֶעכְטִיגְקֵייט.

אָבֶער דֶעם לֶעכְטִיגְקֵייט דַארְף מֶען אוֹיךְ מִיטְנֶעמֶען אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ דֶערְמַאנֶען אַז מֶען אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אֱלֹקוּת, אוּן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט דֶעם, הָאט עֶר גָאר אַן אַנְדֶערְן לֶעבְּן, אוּן עֶר לֶעבְּט אַ גַאנְץ יָאר אַזוֹי וִוי אִין דִי סוּכָּה, דָאס הֵייסְט עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס שְׁטֵייט בַּיי שְׁמוּאֵל הַנָבִיא (בְּרָכוֹת י ע״ב): ׳כָּל מָקוֹם שֶׁהָלַךְ בֵּיתוֹ עִמּוֹ׳, וִוי עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִיז גֶעוֶוען זַיין הוֹיז מִיט אִים; דָאס הֵייסְט עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט אָנְקוּמֶען צוּ קֵיינֶעם, וַוייל עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעלֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע בְּרָכָה וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אַז עֶר דַארְף נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ אַ צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעהְן בַּיי דִי תְּפִלָּה (תְּפִילּוֹת יוֹם כִּיפּוּר, מוּסָף): וָואס דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט גֶעבֶּעטְן וֶוען עֶר אִיז אַרַיין גֶעגַאנְגֶען לִפְנֵי וְלִפְנִים, אִין קוֹדֶשׁ הַקָדָשִׁים, אֵיין מָאל

אַ יָאר, [וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְטְס גֶעבֶּעטְן גָאר אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה, עֶר זָאל נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן דִי אִידְן אוֹיבּ עֶר וֶועט דָארְט זַיין צוּ לַאנְג,] הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דְרֵיי זַאכְן, אוּן אֵיינְס פוּן דֶעם: 'וְשֶׁלֹּא יִצְטָרְכוּ עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל זֶה לָזֶה, וְכוּ', אַז אִידְן זָאלְן נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן; וַוייל דִי עֶרְגְסְטֶער קְלָלָה וָואס קֶען נָאר זַיין, אִיז דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אָנְקוּמֶען צוּ אַ צְוֵוייטְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ו): אָנְקוּמֶען צוּ אַ צְוֵוייטְן מֵיינְט נִישְׁט נָאר אַז אִיךְ דַארְף אָנְקוּמֶען צוּ יֶענֶעמְס גֶעלְט, נָאר אוֹיבּ אִיךְ דַארְף הָאבְּן כָּבוֹד (עֶטֶענְשָׁא"ן) פוּן יֶענֶעם, אוּן אַז אַנְדֶערֶע זָאלְן מַאכְן פוּן מִיר אַן עֵסֶק, דָאס אִיז אוֹיךְ אַ בִּיטֶערֶע קְלָלָה.

אוּן דָאס אִיז דֶער טַעַם פַארְוָואס מֶען זָאגְט דִי בְּרָכָה (סֵדֶר בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר): 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי אִשָּׁה', נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם גְרִינְגְצוּשֶׁעצְן אִין אַ פְרוֹי, אַז זִי אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, פוּנְקְט פַארְקֶערְט, אַ פְרוֹי מַאכְט אַסַאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע בְּרָכָה: 'שֶׁעָשַׂנִי כִּרְצוֹנוֹ', דִי גֶעט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַז וָואס עֶר הָאט

גֶעטוּעֶן מִיט מִיר, בִּין אִיךְ צוּפְרִידְן, אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס זָאגְט מֶען טַאקֶע שֶׁלֹּא עָשַׂנִי אִשָּׁה? נָאר אַ פְרוֹי אִיז אַ 'מְקַבֶּלֶת'; דָאס הֵייסְט, אַ פְרוֹי דַארְף מֶען זָאל אִיר מְחַזֵק זַיין, אוּן קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיס אַז מֶען זָאל אִיר זָאגְן אַ גוּט וָוארְט, אוּן אִיר גֶעבְּן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, וֶועגְן דֶעם מַאכְן מִיר 'דִי' בְּרָכָה, כְּדֵי צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אִיךְ דַארְף נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ אַ צְוֵוייטְנְס עֶטֶענְשָׂא״ן, אָבֶּער אוֹיבּ עֶס זָאל זַיין פַארְקֶערְט, אַ פְרוֹי זָאל אוֹיךְ הָאבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט (סֶעלְף קַאנְפִידֶענְט״ץ) אַז זִי דַארְף נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ אַ צְוֵוייטְן, אוּן אוֹיבּ אַ מַאן דַארְף יָא הָאבְּן אַז זַיין וַוייבּ זָאל אִים גֶעבְּן עֶטֶענְשָׂא״ן, אִיז עֶר גָארְנִישְׁט בֶּעסֶער פוּן אַ פְרוֹי, אוּן זִי אִיז נִישְׁט עֶרְגֶער פוּן אַ מַאן.

ווַייל דֶער שְׁלֵימוּת צוּ וָואס אַ אִיד דָארְף צוּקוּמֶען אִיז, אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט זַיין קַיין חִילוּק צוּ מֶען הָאט אִים יָא גֶעגֶעבְּן כָּבוֹד, אָדֶער נִישְׁט, וָואס דָאס קוּמְט פוּן וֵויינִיג שֵׂכֶל, אָבֶּער דָאס אִיז דִי טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אַז עֶר דַארְף אַ גוּט וָוארְט, סַיי וֶוער עֶס

אַרְבֶּעט ווייל הֶערְן אַז עֶר טוּט אַ גוּטְן אַרְבֶּעט, אוּן אַזוֹי יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וויל אַז מֶען זָאל אִים גֶעבְּן גוּטֶע ווֶערְטֶער, דָאס אִיז דֶער מוֹרָא׳דִיגֶע תְּפִלָּה ווָאס דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט גֶעבֶּעטְן: ׳וְשֶׁלֹּא יִצְטָרְכוּ עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל זֶה לָזֶה׳, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען אַז אַ צְוֵוייטֶער זָאל אִים גֶעבְּן אַ קָאמְפְּלִימֶענְ״ט אוּן מְחַזֵק זַיין, פַארְקֶערְט, עֶר זָאל מַשְׁפִּיעַ זַיין פַאר אַנְדֶערֶע, ווַייל יֶעדֶער אִיד הָאט דֶעם כֹּחַ מַשְׁפִּיעַ צוּ זַיין אוֹיף אַנְדֶערֶע, אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע בְּרָכָה.

ה.

עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים, אַז דֶער זֶעלְבֶּער שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה - חַתָ״ךְ, ווָאס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּן דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, טז): פּוֹתֵ׳חַ אֶ׳ת יָדֶ׳ךָ, קוּמְט אוֹיךְ אַרוֹיס פוּן דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּן דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים טז, טו): וְהָיִי׳תָ אַ׳ךְ שָׂמֵ׳חַ; ווַייל אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילֶעךְ, הָאט עֶר יִשׁוּב הַדַעַת, אוּן אַז מֶען הָאט יִשׁוּב הַדַעַת, הָאט מֶען פַּרְנָסָה, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט

נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען, אוּן גֵיין נָאךְ צְדָקָה, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רנ״ג). אַזוֹי וֶועט עֶר כָאטְשׁ מְזַכֶּה זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז, אַז עֶס פַּאסְט אִים נִישְׁט צוּ גֵיין נָאךְ צְדָקָה. דִי וֶועלְט זָאגְט: ׳אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט נִישְׁט פַאר הוּנְגֶער, נָאר פַאר גֵיאוּת׳; מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים כב, כז): ׳יֹאכְלוּ עֲנָוִים וְיִשְׂבָּעוּ׳, דֶער וָואס אִיז אַ עָנָיו זָאל עֶסְן, אוּן עֶר וֶועט זַאט וֶוערְן; שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ שְׁאֵלָה, אַ בַּעַל גַאֲוָה דַארְף נִישְׁט עֶסְן אוּן זַאט וֶוערְן?! נָאר אַ עָנָיו אִיז שְׁטֶענְדִיג זַאט, וַוייל עֶר גֵייט נָאךְ צְדָקָה, אוּן אוֹיבּ מֶען פְרֶעגְט אִים צוּ עֶר וִויל עֶפֶּעס טְרִינְקֶען, עֶנְטְפֶערְט עֶר דֶעם אֱמֶת: יָא! אוּן אַז מֶען פְרֶעגְט אִים צוּ עֶר וִויל זִיךְ וַואשְׁן אוֹיכֶעט, עֶנְטְפֶערְט עֶר אוֹיךְ: יָא, פַארְוָואס נִישְׁט?! אַזוֹי אַרוּם עֶסְט עֶר אַ פַיינֶע סְעוּדָה אוּן בֶּענְטְשְׁט, אוּן עֶר גֵייט וַוייטֶער. אָבֶּער אַ בַּעַל גַאֲוָה, פַּאסְט אִים נִישְׁט צוּ זָאגְן: אִיךְ בִּין דָארְשְׁטֶערִיג, אָדֶער הוּנְגֶערִיג, וַוייל

קוֹים וָואס עֶר קֶען בֶּעטְן צְדָקָה, מְמֵילָא בְּלַייבְּט עֶר הוּנְגֶערִיג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מַסְבִּיר (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רנ"א): דָאס וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט (מַלְאָכִי ג, כ): 'שֶׁמֶשׁ צְדָקָה וּמַרְפֵּא', צְדָקָה אִיז גֶעגְלִיכְן צוּ דִי זוּן; וִוי קוּמְט אֵיינְס צוּם אַנְדֶערְן?! נָאר פּוּנְקְט וִוי דִי זוּן הָאט אִין זִיךְ אִינְטְרֶעסַאנְטֶע כּוֹחוֹת, אַ וַוייסֶע זַאךְ, מַאכְט דָאס שְׁוַוארְץ. אוּן פַארְקֶערְט, אַ שְׁוַוארְצֶע זַאךְ אַז עֶס לִיגְט אוֹיף דִי זוּן, וֶוערְט דָאס וַוייס. אַ טְרִיקֶענֶע זַאךְ, וִוי לְמָשָׁל אַ שְׁטִיקְל וַואקְס, אַז מֶען לֵייגְט דָאס אוֹיף דִי זוּן וֶוערְט דָאס צוּלָאזְט. אוּן פַארְקֶערְט, פַּייכְטֶע בְּלָאטֶע מַאכְט דָאס דִי זוּן הַארְט. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זֶעהְט מֶען אוֹיךְ בַּיי צְדָקָה, עֶס אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז מָלֵא שִׂמְחָה וֶוען עֶר גֵייט נָאךְ צְדָקָה, עֶר מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן: אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעטוּעֶן, נָאר אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט מַיין הַאנְט, אוּן מֶען הָאט מִיר אַרַיין גֶעלֵייגְט גֶעלְט, ווִידֶער אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֶוערְט רוֹיט, אַז עֶר דַארְף בֶּעטְן פוּן יֶענֶעם, אוּן עֶר עֶסְט זִיךְ אוֹיף. אוּן ווִידֶערְאוּם אִיז דָא

אַ מֶענְטְש וָואס אִיז בְּרוֹגֶז אַז מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַזַא קְלֵיינֶעם סְכוּם. אָבֶער וֶוער עֶס הָאט אַבִּיסְל שֵׂכֶל קֶען עֶר הָאבְּן פַּרְנָסָה.

דֶער עִיקָר זָאל מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן חוֹבוֹת, וָואס דָאס אִיז אַ קְלָלָה, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי כב, ז): **עֶבֶד לֹוֶה לְאִישׁ מַלְוֶה**, אַז אֵיינֶער בָּארְגְט, וֶוערְט עֶר פָּשׁוּט אַ קְנֶעכְט פַּארְן מַלְוֶה; וַוייל אַז אֵיינֶער אִיז שׁוּלְדִיג יֶענֶעם גֶעלְד, אִיז עֶר זֵייעֶר אַיינְגֶעצוֹימְט, אוּן וואוּ עֶר גֵייט הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג מוֹרָא אַז עֶר וֶועט טְרֶעפְן דֶער וָואס הָאט אִים גֶעבָּארְגְט, אוּן זַיין לֶעבְּן אִיז נִישְׁט קַיין לֶעבְּן.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים לז, כא): **׳לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם׳**; אַז מֶען אִיז שׁוּלְדִיג גֶעלְד, דַארְף מֶען בַּאצָאלְן, אוּן נִישְׁט זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן מִיט אַלֶע מִינֵי תֵּירוּצִים, אוּן וֶוערְן יֶענֶעמְס שׂוֹנֵא, אוּן שְׁרֵייעֶן אַז יֶענֶער אִיז נָאךְ דֶער גַנָב, וַוייל אֲפִילוּ אַז מֶען הָאט נִישְׁט צוּ בַּאצָאלְן, אִיז נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה צוּ זָאגְן: אִיךְ הָאב נִישְׁט יֶעצְט, אָבֶער אִיךְ וֶועל דִיר מִיטְן

אֵייבֶּערְשְׁטֶנְס הִילְף צוּבִּיסְלֶעךְ בַּאצָאלְן דֶעם גַאנְצְן חוֹב. אָבֶּער זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן, אוּן לֵייקֶענֶען וְכוּ׳, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע בּוּשָׁה.

וֶועגְן דֶעם אַז אַ אִיד הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, אוּן עֶר הָאט חוֹבוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, זָאל עֶר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים אַוַודַאי הֶעלְפְן, אָבֶּער דָאס דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען: אַז מֶען הָאט גֶעבָּארְגְט דַארְף מֶען בַּאצָאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, אַז דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם יוֹם טוֹב, זָאל מַשְׁפִּיעַ זַיין שֶׁפַע פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין מְקַבֵּל זַיין דֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שִׂמְחָה.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

# אַ שֵׁייגֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע תְּפִלָּה

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ מֶענְטְשְׁן. שִׁיק מִיר אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף הָאבְּן, וָוארוּם דוּ וֵוייסְט אִיךְ וִויל טוּן דַיין רָצוֹן, נָאר דִי פַּרְנָסָה שְׁטֶערְט מִיר. גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה, מִיָּדְךָ הַמְלֵאָה וְהַרְחָבָה הַפְּתוּחָה, אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ קַיין מַתְּנַת בָּשָׂר וָדָם! נָאר דוּ אַלֵיין זָאלְסְט מִיר גֶעבְּן דֶעם שֶׁפַע.

(אשר בנחל חלק ב מכתב קפ"ו)

בעזהשי"ת

קוּנְטְרֵס

# גְלַייבּ אִין דֶעם צַדִיק בִּתְמִימוּת

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער,
וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת וִויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## הִילוּלַת רַבֵּינוּ זַ"ל חוֹל הַמוֹעֵד סוּכּוֹת תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָארְכְטִיגֶער רֶבִּי,
דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָאוֹן הַקָדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט,
וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים
פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן זַ״ל (שִׂיחוֹת מוֹהֲרַ״ן סִימָן קצ״ב) וֶוען עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דִי וֶועלְט גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז הַיינְט אִיז אוֹיךְ דָא גְרוֹיסֶע צַדִיקִים אַזוֹי וִוי אִין דִי פְּרִיעֶדִיגֶע דוֹרוֹת, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶענְטְפֶערְט, אוֹיבּ מֶען גְלֵייבְּט אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אַז עֶס אִיז אוֹיךְ דָא צַדִיקִים, וָוארוּם אַזוֹי וִוי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעפוּנְט זִיךְ אַזוֹי אִיז דָא צַדִיקִים אִין יֶעדֶער דוֹר, עַיֵין שָׁם. נָאר מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס״א) עֶס אִיז אַ שְׁוֶועֶרֶע נִסָיוֹן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים, וָוארוּם אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר טוּט שְׁמוּץ וְכוּ׳, גֵייט אִים אַרוֹיף צוֹאֶה אוּן טִינוּף אִין קָאפּ וְכוּ׳, אוּן פַארְדְרֵייט אִים אִינְגַאנְצְן וְכוּ׳, בִּיז עֶר שְׁפֶּעט פוּן הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס זֵיי זֶענֶען מְגַלֶה גֶעטְלִיכְקֵייט וְכוּ׳, אוּן זֶענֶען מְקַרֵב אִידְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז מֶען זָאל זַיין שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים, אוּן גְלֵייבְּן אַז הַיינְט אִיז אוֹיךְ דָא אַזַא מַדְרֵיגָה וִוי דֶער נָבִיא זָאגְט (עָמוֹס ג׳ ז׳) ״כִּי לֹא יַעֲשֶׂה אֲדֹנָ״י אֱלֹקִ״ים דָבָר כִּי אִם גָלָה סוֹדוֹ אֶל עֲבָדָיו הַנְבִיאִים״ אוּן דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע בְּחִירָה, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קפ״ו) אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים זֶעהְן אָפֶּענֶע מוֹפְתִים אוֹיף שְׂרִיט אוּן טְרִיט וְכוּ׳, עַיֵין שָׁם.

(אשר בנחל באידיש חלק ג׳ מכתב ש״ד)

# גְלֵייבּ אִין דֶעם צַדִיק בִּתְמִימוּת

אִיךְ ווִיל אָפְּגֶעבְּן אַ שֶׁבַח וְהוֹדָאָה פַאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוֹיפְן חֶסֶד וָואס עֶר הָאט מִיט מִיר גֶעטוּעֶן, אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶערְלֶעבְּן אוּן זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס צִיּוּן דֶעם יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה – תשע״ג, אַ דַאנְק דִי פִּיל תְּפִלּוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גְלַייךְ נָאךְ דִי אַפֶּערַאצִיֶע, וֶוען מֶען הָאט אַרָאפּ גֶענוּמֶען פוּן מִיר דִי מַכְשִׁירִים, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעקֶענְט אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן, אִיז מַיין עֶרְשְׁטֶע בַּקָשָׁה גֶעוֶוען: ׳אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין כָּאטְשׁ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, צוּ קֶענֶען זַיין אִין

אוּמַאן׳. אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועןְ דֶערְצוּ, אוּן יֶעצְט הָאבְּן מִיר דֶערְלֶעבְּט אַז מִיר זֶענֶען זִיךְ דָא צַאמְגֶעקוּמֶען בַּיים הִילוּלָא פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

דִי גְמָרָא זָאגְט (תַּעֲנִית ז ע״ב): אַז אַ טָאג וָואס עֶס רֶעגְנְט אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַזוֹי וִוי דֶער טָאג וָואס עֶס אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן דֶער הִימְל אוּן דֶער עֶרְד. אוֹיךְ רֶעכְנְט דִי גְמָרָא אוֹיס נָאךְ עֶטְלִיכֶע זַאכְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט אוּן דִי מוֹרָא׳דִיגֶע עֵת רָצוֹן וָואס עֶס אִיז פַארְהַאן וֶוען עֶס רֶעגְנְט (עַיֵין שָׁם). אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן, אַז יֶעצְט אִין דִי טָאג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס הִילוּלָא, וָואס אִיז אוֹיךְ דִי אוּשְׁפִּיזָא פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ, הָאבְּן מִיר אַ רֶעגְן, זָאל דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַוַודְאַי הֶעלְפְן אַז דִי זְכוּת זָאל בַּיישְׁטֵיין פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן מֶען זָאל שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן.

## א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קט"ו): אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ, יח): **וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים.** אַז דִי 'פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן' שְׁטֵייעֶן וַוייט, וֶוען זֵיי זֶעהְן אַ 'נֶעפְּל', דָאס הֵייסְט זֵיי זֶעהְן אַז זֵיי זֶענֶען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ פִינְסְטֶערְנִישְׁט, אוּן עֶס אִיז דָא שְׁוֶועֶרֶעקֵייטְן, אוּן זֵיי מֵיינֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן, אוּן עֶר בַּאוַוייזְט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט הַיינְטִיגֶע צַייטְן, אוּן עֶס אִיז אַ 'הֶסְתֵּר פָּנִים', וָואס פוּן דֶעם קוּמְט, אַז אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַוֶועק, וַוייל עֶס קוּמְט זֵיי אַרַיין קַשְׁיוֹת וֶוען עֶס גֵייט זֵיי נִישְׁט אַזוֹיווִי זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט, אָבֶּער 'מֹשֶׁה רַבֵּינוּ' הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: אַז אִין דִי פִינְסְטֶער אוּן אִין דִי מְנִיעוֹת, אִיז דָארְטְן אוֹיכֶעט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל וֶוען אָנְפַאנְגֶען צוּ קוּקְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים, וָואלְט

עֶר בַּאוואוּנְדֶערְט דִי מוֹרָא׳דִיגֶע ׳הַשְׁגָחָה פְּרָטִיוֹת׳ אוֹיף יֶעדֶע טְרִיט אוּן שְׁרִיט.

חֲזַ״ל הָאבְּן מְתַקֵן גֶעוֶוען צוּ זָאגְן הוּנְדֶערְט בְּרָכוֹת יֶעדְן טָאג (מְנָחוֹת מג ע״ב). אוּן דֶער יְרוּשַׁלְמִי (בְּרָכוֹת פֶּרֶק ט, הֲלָכָה ה): רוּפְט דָאס אָן הוּנְדֶערְט ׳מִצְווֹת׳, וָואס יֶעדֶער אִיד הָאט יֶעדְן טָאג, וָואס עֶר לוֹיבְּט אוּן דַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף יֶעדְן פְּרַט. נָאר מִיר הֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּ, צוּ וָואס מִיר זָאגְן, אוּן אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז דָאס אִיז נַאטוּרְלִיךְ, אוּן אַז עֶס דַארְף אַזוֹי צוּ זַיין, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ז): אַז אַלֶע כּוֹפְרִים ווִילְן אַרַיין לֵייגְן אִין יֶעדֶע זַאךְ אַז דָאס אִיז אַ ׳טֶבַע, מִקְרֶה, מַזָל׳, אוּן וֶוען דָאס וֶועט בָּטֵל וֶוערְן, וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה, וַוייל דֶער עִיקָר גָלוּת אִיז נָאר וַוייל עֶס פֶעלְט אֱמוּנָה, אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי אֱמוּנָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, מִיט אִים, בַּיי אִים, אוּן לֶעבְּן אִים, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס פִירְט זִיךְ מִיט אִים, אִיז אַלֶעס בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִיוֹת, אִיז דָאס זַיין גְאוּלָה.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זָאגְט (תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף, פַּרְשַׁת שְׁמִינִי): אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִים סט, יט): **קָרְבָה אֶל נַפְשִׁי גְאָלָהּ**, אַז אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אַ 'גְאוּלָה כְּלָלִיוֹת' וָואס מִיר הָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט אוּנְז אַוַודְאַי הֶעלְפְן, אוּן עֶר וֶועט אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא אַ 'גְאוּלָה פְּרָטִיוֹת', דָאס הֵייסְט, יֶעדֶער אִיד פַּאר זִיךְ קֶען זִיךְ אוֹיסְלֵייזְן, אוּן עֶר מוּז נִישְׁט זַיין אוּנְטֶער אַזַא מִין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אָבֶּער דָאס אִיז מֶען זוֹכֶה, נָאר אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה.

